STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05148

FUFTSIK YOR POYLE TSIENIZM IN AMERIKE

Harry J. Kahn

Permanent preservation of this book was made possible
by Drew Gordon
in memory of
beloved grandmother, Frances Salmon

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פופציק יאָר
פועלי ציוניזם אין אַמעריקע

פון צבי יוסף כהן

40 סענט

◈

אַרויסגעגעבן פון
פ אַ ר ל אַ ג ב י ד ע ר מ אַ ן
184 צווייטע עוועניו, ניו־יאָרק 3, נ. י.
1953

פופציק יאָר פועלי־ציוניזם אין אַמעריקע

א. די ערשטע שריט

גאַנצע פופציק יאָר זיינען שוין אַוועק זינט עס איז דאָ אין לאַנד אָר־גאַניזירט געוואָרן דער ערשטער פועלי־ציון פאַראיין, פון וועלכן עס האָט זיך פאַנאַנדערגעוואַקסן די איצטיקע ציוניסטישע אַרבייטער באַוועגונג. דאָס איז געווען אַ גרויסע און וויכטיקע דערשיינונג אינם אַמע־ריקאַנער אידישן לעבן און עס איז כדאי צו פאַרצייכענען די איינצלהייטן פון אָט דער געשעעניש און דעם אָפּקלאַנג און ווירקונג, וואָס זי האָט געהאַט אויף דעם היגן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

מיר ווען אַרויסברייינגען די פאַקטן פון דער דערשיינונג, די שווע־ריקייטן, וואָס די אָנפירער פון דער יונגער און שוואַכער אָרגאַניזאַציע האָבן באַגעגנט אויף דעם וועג פון זייער אַרבעט פאַר דער באַפרייאונג פונם אידישן פאָלק, און וואָס עס איז דערגרייכט געוואָרן, טראָץ די שטיינער אויפן וועג, וואָס עס זיינען זיי געלייגט געוואָרן פון די אַזוי גערופענע ראַדיקאַלן, די סאָציאַליסטן מכל המינים.

***

די לאַגע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע איז אין די ערשטע יאָרן געווען זייער אַ שווערע. דער ציוניזם איז דאָ באַקעמפט געוואָרן פון די רעפאָרם־אידן אַזוי גוט ווי פון די אָרטאָדאָקסישע. די שטאַרקסטע קעגנער זיינען אָבער געווען די אָנפירער פון דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג, די סאָציאַליסטן און די אַנאַרכיסטן. זיי האָבן באַ־קעמפט אידישקייט בכלל. און די ציוניסטישע פירערשאַפט איז געווען הילפלאָז. גאָר פשוט, זיי האָבן ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט צוצוקומען צו די אידישע אַרבעטער־מאַסן און זיי באַווייזן, אַז דאָס וואָס זייערע פירער און לערער ווילן זיי איינרעדן, אַז זיי פרייזיקן כלומרשט אינטערנאַ־ציאָנאַליזם, אָדער קאָסמאָפּאָליטיזם, וואָס זיי האָבן אָנגערופן מענטש־לעכקייט און ברודער־ליבע, איז אין דער אמת'ן ריינע אַסימילאַציע, וואָס וועט סוף־כל־סוף פירן צום אונטערגאַנג פון דעם אידישן פאָלק.

מען דאַרף געדענקען, אַז ענדע פון דעם ניינצנטן און אָנהויב פון דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט איז די איינוואַנדערונג קיין אַמעריקע גע־ווען זייער אַ גרויסע. דאָס איז געווען דער רעזולטאַט פון די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד אין די אַכציקער יאָרן און פונם קישינעווער פּאָגראָם,

וואָס איז פאָרגעקומען אין אַפּריל 1903 און איז נאָכגעפאָלגט געוואָרן מיט אַ גרויסער צאָל פּאָגראָמען אין די קומנדיקע עטלעכע יאָר.

געפאָרן קיין אַמעריקע זיינען מערסטנס יונגע מענער און פרויען, וועלכע זיינען געקומען פון די מזרח־אייראָפּייאישע לענדער, וואו זיי זיינען אין זייערע עלטערנ׳ס הויז דערצויגן געוואָרן אין רעליגיעזן גייסט. מערסטנס איז דער רעליגיעזער אָרט לעבן אויף זיי געוואָרן אַרויפּ־געצוואונגען קעגן זייער ווילן און גאַנץ אָפט איז ער געווען עקסטרעם רעליגיעז.

די יוגנט, וואָס איז געקומען פון רוסלאַנד, וואָס האָט איינגעשלאָסן אויך פוילן און ליטע, איז שוין דאָרט אויך פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ניט מער וואָס בעת דאָרטן איז זי געווען אַ קאָנספּיראַטיווע באַוועגונג, איז זי דאָ, אין אַמעריקע, געווען פריי און אָפן. אָט די יוגנט האָט זיך דאָ צוגעכאַפּט צו דער ראַדיקאַלער פּרעסע, און געלאָפן צו זייערע פאַרזאַמלונגען, געהערט רעדעס און לעקציעס, אין וועלכע מען האָט דעם צאַר געשאָלטן אָפן און פריי, און אגב אורחא אויך אַרונטערגעריסן די אידישע רעליגיע. אָט דער „פרייהייט״ גייסט האָט די יוגנט אַרונטערגעפירט פון דרך הישר, פונם אידישן וועג פון לעבן און במילא זיינען זיי געווען אויך קעגן דעם ציוניזם, וואָס האָט געפּריידיקט, אַז איידער מיר קערן זיך צוריק קיין ארץ־ישראל מוזן מיר זיך פריער צוריקקערן צו אידשקייט.

און קעגן אָט דער שטאַרקער און איינגעפונדעוועטער ראַדיקאַלער באַוועגונג, וואָס האָט שוין פאַרמאָגט אַ גרויסע אינטעליגענץ, אַ רייכע פּרעסע און ליטעראַטור, האָבן די ציוניסטן גאָרניט געקאָנט טאָן. זיי זיינען געווען הילפלאָז און ווען ניו יאָרק האָט שוין געציילט קרוב צו אַ מיליאָן אידן האָבן די ציוניסטן דאָ פאַרמאָגט אַ האַלבן טוצן ציוניס־טישע אגודות מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון העכסטנס פינף הונדערט. און איבער דעם גאַנצן לאַנד — העכסטנס קרוב צו צוויי הונדערט פאַראיינען און אַן ערך פון דריי טויזנט מעמבערס.

די פירערשאַפט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע איז געווען אין די הענט פון ענגליש־רעדנדיקע, בעת די מיטגלידערשאַפט איז באַ־שטאַנען מערסטנס פון ניט לאַנג איינגעוואַנדערטע, וואָס האָבן גערעדט אידיש. עס האָט צווישן די מיטגלידער געהערשט גרויס אומצופרידנקייט מיט די דערגרייכונגען, און עס פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן אין דעם באַשולדיקט די פירער פון דער אָרגאַניזאַציע, און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז עס האָט אויסגעבראָכן אַ „רעוואָלוציע״ קעגן דער פירער־שאַפט. אַ צאָל פאַראיינען האָבן זיך פון דער פעדעראַציע אָפּגעריסן און אָרגאַניזירט אַן אומאָפּהענגיקע אָרגאַניזאַציע מיט דעם נאָמען „יונאַיטעד

זייאַניסטס אַף אַמעריקא". די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע איז געווען מער פּאַלקסטימלעך, סיי די מעמבערס און סיי די פירער זיינען געווען אידיש־רעדנדע. נאָר אַשטאָט צו טאָן אַרבעט האָט מען זיך אַרומגעריסן.

איך וועל זיך דאָ ניט אָפּשטעלן אויף דעם, וואָס ביידע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן אויפגעטאָן פאַר דעם ציוניזם אין יענע יאָרן. דער פאַקט בלייבט, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג דאָ אין לאַנד, וואו די מעגלעכקייטן זיינען געווען זעהר גרויסע, איז ליידער געווען שטאַרק הינטערשטעליק און עס האָט זיך געפאָדערט אַ גרויסער כח, וואָס זאָל זי אַרויסשלעפּן פון דער לעטאַרגיע, אין וועלכער זי האָט זיך געפונען, און פּונקט דעמאָלט האָט זיך אָרגאַניזירט דער פאַראיין פּועלי־ציון.

**
*

עטלעכע יונגעלייט, ניט לאַנג אָריבערגעקומענע, וועלכע זיינען שוין געווען פּועלי־ציון אין רוסלאַנד, האָבן דערפילט דעם דראַנג פון אָרגאַניזירן דאָ אין לאַנד אַ ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע פון אַרבעטער, וואָס זאָל אין איר פּראָגראַם איינשליסן אויך דעם סאָציאַליזם און אַזוי אַרום קאָנען שלאָגן די שונאי־ציון פונם סאָציאַליסטישן לאַגער. און אין פרילינג פון 1903 איז אָרגאַניזירט געוואָרן דער פאַראיין, וואָס מען האָט אָנגערופן: „ראַדיקאַל נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע פּועלי ציון".

דער פאַראיין האָט אָנגעהויבן די אַרבעט מיט ליידיקע הענט. די צאָל מיטגלידער איז געווען קליין. קיין ליטעראַטור צו פאַרשפּרייטן דעם פּועלי ציוניסטישן געדאַנק איז ניט געווען. פון אַ צייטונג, וואָס זאָל אַרויסהעלפן, איז שוין אָפּגערעדט. קיין רעדנער, וואָס זאָלן קאָנען רעדן צו די מאַסן און אָנפירן די אַגיטאַציע, האָבן מיר אויך ניט געהאַט. און ווי שוין געזאָגט, האָבן די געגנאָסן פאַרמאָגט אי אַ גרויסע אינטעליגענץ און אויך אַן איינפלוסרייכע פּרעסע: אַ טעגלעכע צייטונג, דער „פאָרווערטס", עטלעכע וועכנטלעכע צייטונגען און אַ מאָנאַטלעכן זשורנאַל „די צוקונפט". דער „פאָרווערטס" האָט זיך ניט נאָר אָפּגעזאָגט צו דרוקן אונזערע נאָטיצן, נאָר מען האָט אפילו אונזערע באַצאָלטע אַדווערטייזמענטס ניט געוואָלט אָננעמען. מיר זיינען געווען געצוואונגען צו גיין צו די רעליגיעזע צייטונגען, ווי „דאָס טאָגעבלאַט", „מאָרגן זשורנאַל", די „אידישע וועלט" און דער „טעגלעכער העראָלד". זיי זיינען געווען פריינטלעך, האָבן אָבער ניט דערגרייכט דעם עלעמנט, וואָס מיר האָבן געזוכט צו געווינען פאַרן ציוניזם, די אַרבעטער־מאַסן.

דער פאַראיין איז געוואָקסן פון מיטינג צו מיטינג. צוליב געוויסע אומשטענדן האָבן די פּועלי ציון באַשלאָסן אָפּצוהאַלטן די פאַרזאַמלונגען פּרייטיק אָוונט. כמעט יעדע פאַרזאַמלונג איז געווען אַ מין עונג־

שבת, ווען אפילו מען האָט פאַרהאַנדלט ביזנעס, דאָס הייסט, פּראַקטישע פראגן. צו די פאַרזאַמלונגען פלעגן קומען אויך אַלגעמיינע ציוניסטן, כאָטש זיי זיינען געווען רעליגיעז. יעדער באַזוכער פלעגט ברענגען זיינע פריינט. מען פלעגט זיך מיט אונז באַרימען, ווי מען וואָלט געזאָגט: קומט און זעט וואָס פאַר אַ וואונדערבאַרע אָרגאַניזאַציע דאָס איז, ווי זיי רעאַגירן אויף פאַרשידענע פראַגן, ווי זיי נעמען אונטער צו טאָן געוויסע אַרבעטן, כאָטש זיי האָבן ניט די מיטלען און די כוחות.

אינטערעסאַנט איז דער פאַקט, וואָס כמעט אַלע סאָציאַליסטישע גרופּן האָבן וויניק געטאָן פאַר דעם סאָציאַליזם דאָ אין לאַנד. זיי האָבן דער עיקר געזאָרגט פאַר די פאַרשידענע סאָציאַליסטישע פאַרטייען אין רוסלאַנד. עס זיינען געווען אָרגאַניזירט סאָציאַל־דעמאָקראַטן, סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, אַנאַרכיסטן, אפילו אויך פּ. פּ. ס. דאָס הייסט, פּוילישע פאַרטיי סאָציאַליסטן. דעם אויבאָן האָבן דאָ פאַרנומען די „בונד"־גרופּן. די אַריבערגעקומענע בונדיסטן האָבן זיך געפונען פאַרפליכטעט צו העלפן זייערע חברים אין דער אַלטער היים און האָבן דערפאַר אָרגאַניזירט „בונד" פאַראיינען פון לאַנדסלייט, אַרבעטער־רינג ברענטשעס און אַזוי נאָך פאַרכאַפּט און פאַרבאַריקאַדירט אַלע פראָנטן פאַר אונז, פועלי־ציון.

מיר זיינען צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. דאָס ערשטע, וואָס מיר האָבן געטאָן, איז געווען אַרויסצוגעבן אַ בראָשורע, אין וועלכער עס איז אויפגעקלערט געוואָרן וואָס דער פאַראיין שטעלט מיט זיך פאָר; וועלכע סיבות האָבן אים אין לעבן אַרויסגערופן; וואָס עס זיינען זיינע פּרינציפּן, און וואָס ער שטרעבט אויפצוטאָן צווישן די אַרבעטער־מאַסן פאַרן ציוניזם. דאָס איז געווען „אונזער פּלאַטפאָרם" געווענדעט אַלס אַן אַפּיל צו דער אידישער יוגנט פון אַמעריקע. די בראָשורע האָט מען פאַרקויפט פאַר צוויי סענט און מיר פלעגן גיין אויף פאַרשיידענע פאַרזאַמלונגען זי צו פאַרקויפן, בכדי צו מאַכן פּראָפּאַגאַנדע פאַרן פועלי־ציוניזם.

אין דער בראָשורע איז אויפגעקלערט געוואָרן דער פאַקט, אַז דער סאָציאַליזם איז ניט קיין ווידערשפּרוך צום ציוניזם און פאַרקערט. אדרבא, אָט די צוויי שטרעמונגען דערגענצן זיך. וויילביידע האָבן זיי איין צוועק, און דאָס איז צו באַפרייען די אידן פון אונטערדריקונג.

צווישן די אָרגאַניזירער פון פאַראיין האָט זיך אויך געפונען אַ. ליטווין, אַ באַקאַנטער אידישער שרייבער, וואָס איז אין יענער צייט געווען אַ מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס". דער חבר ליטווין איז געווען אַן אמת׳ער אידעאַליסט. ער איז אָבער געווען אויך זייער אַ נאַאיווער מענטש. מען דאַרף אַלעמאָל גיין מיטן אמת, פלעגט ער טענה׳ן. מען דאַרף אפילו דעם קעגנער געבן קרעדיט פאַר דער גוטער אַרבעט, וואָס

ער טוט. אַי, מיט דעם ווערט פאַרשטאַרקט די פּאָזיציע פונם קעגנער און מען מאַכט מעגלעך פאַר אים אונז נאָך מער צו שטערן אין אונ־זער אַרבעט — דאָס, האָט ער געזאָגט, דאַרף מען לאָזן צו דער געשיכטע צו אורטיילן. דער אמת, פלעגט ער זאָגן, וועט סוף־כל־סוף זיגן. אפילו די סאָציאַליסטן, וועלכע באַקעמפן אונז איצט, וועלן מוזן ענדערן זייער שטעלונג צום ציוניזם און ניט נאָר וועלן זיי אונז ניט באַקעמפן, נאָר וועלן נאָך אַליין העלפן אים צו רעאַליזירן. ער איז דערפאַר געווען פריינטלעך צום „בונד" און האָט געפאָדערט, אַז אין אונזער פּלאַטפאָרם זאָל אַריין אַ רעזאָלוציע, אין וועלכער מיר דריקן אויס סימפּאַטיע דעם „בונד" פאַר דער גוטער אַרבעט, וואָס ער טוט פאַר די אידישע אַר־בעטער אין קאַמף פאַר זייער פרייהייט און זייערע רעכט.

זייענדיק אַ מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס", האָט ער וואַרשיינלעך געהאָפט, אַז מיט זיין פריינטשאַפט צום „בונד" וועט ער ווייזן וואָס עס מיינט זיין ברייטהאַרציק און אומפּאַרטייאיש און ער וועט אויף די שפּאַלטן פון „זיין" צייטונג האָבן אויך אַ געלעגנהייט אַרויסברענגען דעם ציוניסטישן צד. מיר האָבן אים ניט געוואָלט אָנווערן. מיר האָבן אַזוי אויך געהאַט ווייניק אינטעלעקטועלע כוחות און נאָך ווייניקער פאַר־בינדונגען מיט דער פּרעסע בכלל. מיר האָבן אים דערפאַר נאָכגעגעבן און האָבן אָנגענומען די פריינטלעכע רעזאָלוציע צום „בונד", וואָס אונזערע חברים אין רוסלאַנד האָבן ניט געקאָנט פאַרשטיין, ווייל דער „בונד" איז דאָרט געווען זיין ביטערסטער שונא.

די בונדיסטן אין ניו־יאָרק האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט און זיינען געקומען צו אונז פאָדערן הילף פאַר דער אַרבעט פון זייערע גע־נאָסן אין רוסלאַנד. איר מוזט דאָך באַווייזן, אַז איר מיינט וואָס איר זאָגט, האָבן זיי געטענה'ט. מיר האָבן זיי די הילף געגעבן דורך קויפן אַ געוויסע צאָל בילעטן צו זייערער אַן אונטערנעמונג.

דער פּועלי־ציוניסטישער פאַראיין איז געווען אַ גליקלעכע און דערפרייענדיקע דערשיינונג אינם אידישן לעבן פון אַמעריקע, ספּע־ציעל צווישן די ציוניסטן. עס האָט אויפגעשטורעמט דעם ציוניסטישן גייסט. די פאַראיינען האָבן אונז געהאָלפן צו פאַרשפּרייטן אונזער פּלאַט־פאָרם, אָנפירן אונזער פּראָפּאַגאַנדע, זיי זיינען געקומען צו אונזערע פאַר־זאַמלונגען, האָבן אונז צוגעגעבן מוט און ענערגיע אָנצוגיין מיט דער שווערער, אָבער הייליקער אַרבעט.

דערפאַר אָבער זיינען די געגנאָסן דאָן געוואָרן זייער אומרואיק און האָבן זיך אונטערגעגאַרטלט אונז צו באַקעמפן. מען האָט אָנגעהויבן צו האַלטן רעדעס אויף דער טעמע: „צי קאָן אַ ציוניסט זיין אַ סאָ־ציאַליסט" און פאַרקערט. מען האָט געשריבן אַרטיקלען עדיטאָריעלס,

און עס האָבן זיך באַוויזן אַ גרויסע צאָל „שטימען פון פאָלק״ איבער דער פראַגע, און עס פאַרשטייט זיך, אַז די מערסטע פון זיי זיינען געווען דאַקעגן.

ב. דער קאַמף מיט די סאָציאַליסטן

דריי חדשים נאָכדעם ווי עס איז אין ניו־יאָרק אָרגאַניזירט געוואָרן דער ערשטער פועלי־ציון פאַראיין, איז צו אונז אָנגעקומען די נייעס וועגן דעם שווידערלעכן פּאָגראָם אויף אידן אין קישינעוו. ווי פון אַ דונער זיינען געטראָפן געוואָרן אַלע אַמעריקאַנער אידן. אפילו דאָס אידיש־סאָציאַליסטישע וועלטל האָט זיך אַ שטאַרקן טרייסל געטאָן. די אידישע צייטונגען האָבן געשטורעמט מיט פּראָטעסטן, ברענגענדיק אַלץ מער און מער איינצלהייטן פון דעם גרויסן אומגליק. מען האָט גע־רופן קאָנפערענצן, מען האָט גערעדט וועגן אַ גרויסער גאַסן דעמאָנסט־ראַציע, אין וועלכער עס זאָלן זיך באַטייליקן הונדערטער טויזנטער אידן, און מען האָט אָנגעהויבן קלייבן פאָנדן פאַר די פּאָגראָם־קרבנות.

עס איז ניט מיין צוועק אַרויסצוברענגען אַלע פרטים וועגן דעם, וואָס עס איז געטאָן געוואָרן אין פאַרבינדונג מיט דעם פּאָגראָם. ניט אַלץ וואָס מען האָט באַדאַרפט טאָן איז געטאָן געוואָרן און נישט אַלץ וואָס מען האָט געטאָן איז געטאָן געוואָרן ריכטיק. אָט למשל, די דע־מאָנסטראַציע, וועגן וועלכער מען האָט גערעדט אַזויפיל, איז קיינמאָל ניט דורכגעפירט געוואָרן. וואָרום? דאָס וואָלט מיך פאַרפירט צו ווייט. איך וועל דאָס דערפאַר לאָזן פאַר דעם היסטאָריקער. איך וויל זיך בלויז אָפּשטעלן אויף דעם איינדרוק וואָס דער פּאָגראָם האָט געמאַכט אויף די אידישע סאָציאַליסטן אין שייכות מיטן ציוניזם, מיט דעם וואָס יעדער מענטש וואָס דענקט נאָרמאַל, האָט געמוזט קומען צום שלוס, אַז אַזעל־כעס קאָן נאָר פאַסירן צו אַ פאָלק וואָס האָט ניט קיין אייגן לאַנד, וואָס איז אין גלות און די בעלי בתים פון די לענדער צווישן וועלכע דאָס היימ־לאָזע פאָלק לעבט, דענקען אַז זיי קאָנען מיט אים טאָן וואָס נאָר זיי ווילן.

אייניקע אָנגעזעענע סאָציאַליסטן זיינען אַרויס אין דער עפנטלעכ־קייט און האָבן געפאָדערט צו רעווידירן די שטעלונג פון די אידישע סאָציאַליסטן צו דער לעזונג פון דער אידישער פראַגע און עס פאַרשטייט זיך צום ציוניזם. זיי האָבן אָנגעהויבן איינצוזען, אַז אידן איבער דער גאָרער וועלט זיינען ניט זיכער מיט דעם מאָרגן און מען קאָן קיינמאָל ניט וויסן וואָס פאַר אַ געפאַר עס שטייט זיי פאַר און, אַז עס האָט ניט קיין

זינען זיך צו פאַרלאָזן אויף דער אויסלייזונג פון אידן דורך אַ סאָציאַ־ליסטישן משיח.

דער ערשטער איז געווען דר. הלל זאָלאָטאַראָף, אַן אָנגעזעענער טעאָרעטיקער און פּראָפּאַגאַנדיסט פון דעם אַנאַרכיסטישן געדאַנק. ער האָט אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע" אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל „ערנסטע פראַגן" אין וועלכן ער האָט אָנגעוויזן אויף דער אומנאַרמאַלער לאַגע אין וועלכער עס געפינט זיך דער גרעסטער טייל פונם אידישן פאָלק. זאָלאָטאַראָף, וואָס איז געקומען קיין אַמעריקע פינף און צוואַנציק יאָר פאַר דעם קישינעווער פּאָגראָם פון יעליסאַוועטגראַד, האָט דאָרט דורכגעלעבט אַ פּאָגראָם, וואָס האָט אַרויסגערופן גרויס אומרואיקייט ביי די רוסישע אידן און געצוואונגען פיל פון זיי אויסצואוואַנדערן אין דער פרייער אַמעריקע און אַ קלענערער טייל קיין ארץ־ישראל. ער האָט גוט געפילט וואָס עס מיינט אַ פּאָגראָם און האָבנדיק געווען זייער אַ סענסיטיווער מענטש, האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט און געזאָגט אָפן, אַז ער דענקט דאָס מיט אינטערנאַציאָנאַליזם מכל המינים וועט מען דאָס אידישע פּראָבלעם ניט לעזן. איך וועל פון יענעם אַרטיקל ברענגען בלויז אייניקע ציטאַטן:

„מעג די ציוויליזירטע וועלט רימען זיך מיט איר פּאָרטשריט, וויפיל זי וויל; מעג די וויסנשאַפט פאַרשפּרייטן איר ליכט אין אַלע עקן פון דער וועלט; מעגן די פרייהייטס־אידעאַלן שטיפטן דעם גלויבן פון אַ וועלטלעכער ברודערשאַפט. די געשיכטע פון די לעצטע פופציק יאָר איז אַ לעבעדיקער באַוויז, אַז ניט דער פּאָרטשריט פון די פעלקער, ניט דאָס ליכט פון דער וויסנשאַפט, ניט אַפילו די ברודערשאַפט־אידעאַלן פון די פרייהייטס־קעמפער און סאָציאַליסטישע אידעאַלן־טרעגער האָבן פאַרהינדערט די פאַרפאָל־גונגען און געלינדערט די ליידן און שמערצן פון דעם אידישן פאָלק".

און אָנווייזנדיק אויף דער שלעכטער לאַגע פונם אידישן פאָלק רופט ער אַלע אידן, צו וועלכער שיכט זיי זאָלן ניט געהערן, צו אייניקייט, ווייל „אייניקייט איז קראַפט" און ער זאָגט ווייטער:

„האָט איר אפשר געזען, ווי די דאָזיקע וואונדערבאַרע קראַפט דריקט זיך אויס אין דעם בילד פון אַ גרויסן קינסטלער, וואָס האָט אויסגעמאָלט אַ סטאַדע שעפעלעך אין פעלד אין דער צייט פון אַ שטאַרקן שטורם־ווינט? דער הימל איז פאַרכמאַרעט, גרויסע שוואַרצע וואָלקנס הענגען איבער אים, דער אומגעהויערער ווינט וואָיעט און פייפט און רייסט די ערד אונטער זיך, אַקוראַט ווי ער וואָלט געוואָלט מיט אַלע זיינע קרעפטן מאַכן תוהו ובוהו פון איר.

די שעפעלעך, פון קיינעם ניט באַשיצט, פילן די אומגעהויערע מאַכט פון דעם גרויזאַמען צעשטערער, זייער לאַנגע וואָל איז צעשויבערט, זייער הויט איז צונויפגעקאָרטשעט, דאָס לייב איז איינגעשרומפּן פון ווייטיק און שרעק, און זיי שטופּן זיך און דריננגען זיך און דריקן זיך אַלץ נענטער און נענטער צוזאַמען, אַלץ ענגער און ענגער גיסן זיי זיך צענויף אין איין גרויסער מאַסע פון קערפּערס און קעפּעלעך, אַקוראַט ווי אין זייערע מוח׳לעך וואָלט קלאָר געווען דער געדאַנק, אַז אייניקייט איז קראַפט! האָט איר ניט געזען דאָס וואונדערבאַרע בילד? טאַ באַטראַכט די געשיכטע פון דעם אידישן פאָלק פאַר די לעצטע דרייסיק יאָר״.

און אַזוי קומט דר. זלאַטאָראָף צום שלוס אַז:

„אונזערע פאַרהעלטניסע צום גרויסן שטראָם פון נאַציאָנאַליזמוס זיינען דאַרום קלאָר; מיר מוזן ניט נאָר העלפן צו ראַטן דאָס אידישע פאָלק פון דער אויסערלעכער קראַפט פון פאַרפאָלגונג און פאַרניכטונג נאָר אויך זוכן צו העלפן גרופּירן די מאַסן אין צענטערן, וואו אַ נאַציאָנאַלע גאַנצקייט זאָל פאַרהינדערן אַן אינערלעכע פאַרניכטונג פון דעם פאָלק; מיר מוזן זיין די אוואַנגאַרדן פון פרייהייט און ליכט און העלפן די אַנטוויקלונג פון אַ קולטור, וועלכע זאָל פירן צו אַ פרייער און בעסער געזעלשאַפטלעך לעבן פון אונזער פאָלק״.

דער רעדאַקטאָר פון דער „פרייער אַרבעטער שטימע,״ האָט געדרוקט זלאַטאָראָף׳ס אַרטיקל אויס רעספּעקט פאַר זיין לאַנג־יאָריקן פריינט און קאָלעגע, ער האָט אָבער מיט אים ניט איינגעשטימט און געעפנט די קאָלומס פון דער צייטונג פאַר אַ דיסקוסיע איבער דער נאַציאָנאַליסטישער אַנשיקעניש וואָס האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג און שטעלט אין געפאַר זייער אַרבעט פון צענדליקער יאָרן.

דער „פאָרווערטס״ האָט אויך געמאַכט אַ שטורעם. איין שיינעם טאָג האָט ער אויפגעפאָדערט די ציוניסטן צו אַן עפנטלעכער דעבאַטע. ער האָט פון זיין זייט אַרויסגעשטעלט לואיס מילער, וואָס איז דאַן געווען רעדאַקטאָר פון דער צייטונג, און האָט פאַרלאַנגט, אַז די ציוניסטן זאָלן לאָזן וויסן וועמען זיי וועלן אַרויסשטעלן אַלס זייער דעבאַטאַנט. די ציוניסטן האָבן זיך אַ לענגערע צייט ניט אָפּגערופן, גאָר פּשוט, זיי האָבן נישט געהאַט דעם ריכטיקן מענטשן, וואָס זאָל זיי פאַרטרעטן אין דער דעבאַטע. אין אַ געוויסער צייט אַרום האָבן זיי געלאָזט וויסן, אַז רעוו. יוסף זעף וועט זיין זייער פאַרטרעטער. עס איז אָבער דערביי געבליבן.

די דעבאַטע איז קיינמאָל ניט פאָרגעקומען. די פועלי־ציון האָבן גע־טענה׳ט, אַז אויב סאָציאַליסטן ווילן האָבן אַ דעבאַטע, דאַרפן זיי, די פועלי־ציון, פאַרטיידיקן דעם ציוניזם און ניט די אַלגעמיינע ציוניסטן. עס האָט לאַנג ניט גענומען און עס האָבן זיך באַוויזן נאָך סאָציאַליסטן וואָס האָבן געוואָלט זאָגן אַ וואָרט אין דער פראַגע. צווישן זיי איז געווען יוסף באַראָנדעס וועלכער איז באַטראַכט געוואָרן אַלס איינער פון די באַגאַבטסטע רעדנער אויף דער אידישער גאַס.

דעם עלפטן יוני איז אין „פאָרווערטס" געווען געדרוקט אַ באַצאָל־טער אַנאָנס, אַז עס וועט פאָרקומען אַ גרויסע דעבאַטע איבער דעם ציוניזם, אין 414 גרענד סטריט, אין וועלכער עס וועלן אנטייל נעמען דר. הלל זאָלאָטאַראָף, רעוו. יוסף זעף, דר. א. גינזבורג, א. ליטווין, דר. חימאָוויטש, לאַיער ווילקאָמירסאָן, משה קאַטץ און אַז יוסף באַראָנדעס וועט זיין דער איינלייטער און פאָרזיצער. עס איז אויך געקומען ש. יאַנאָווסקי, רעדאַקטאָר פון דער „פרייער אַרבעטער שטימע" און ער איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט גערעדט קעגן ציוניזם. דאָס איז אייגנטלעך ניט געווען קיין דעבאַטע, נאָר אַ סימפּאָזיום אין וועלכן די, וואָס האָבן אנטייל גענומען האָבן דערקלערט וועלכע שטעלונג זיי נעמען צו דער פראַגע.

יוסף באַראָנדעס האָט געהאַלטן זעהר אַ רירנדע רעדע אין וועלכער ער האָט אַרויסגעבראַכט זיינע אמת אידישע געפילן און האָט אויף אַ דראַמאַטישן אופן אויסגערופן: „עברי אנכי ואת אחי אנכי מבקש!" עס האָט אויסגעבראָכן אַ שטורעמדיקער אַפּלאָדיס פון דעם גרויסן עולם אינם פול געפּאַקטן זאַל. עס האָבן זיך אָבער אויך געהערט אויסרופן: פאַרראַט, פאַררעטער!

די בונדיסטן זיינען מיט דער דעבאַטע ניט געווען צופרידן. זיי האָט זיך שטאַרק געוואָלט האָבן אַ דעבאַטע מיט אמת׳ע ציוניסטן, ניט מיט קיין בעלי־תשובה׳ניקעס. זיי האָבן דערפאַר אויפגעפאָדערט די פועלי־ציון צו אַ דעבאַטע און מיר האָבן די איינלאַדונג אָנגענומען. קיין געאיבטע רעדנער האָבן מיר טאַקע ניט געהאַט, מיר זיינען פונדעסט־וועגן געווען זיכער, אַז מיר וועלן אַרויס די זיגער. דאָך, צו זיין אַבסאָלוט זיכער מיט אַ זיג, האָבן מיר אָנגעהויבן צו פּראַקטיצירן דאָס דעבאַטירן צווישן זיך. איין חבר האָט געהאַלטן אַ רעדע קעגן ציוניזם און אַ צווייטער האָט אים געענטפערט.

האָט טאַקע געטראָפן, אַז פונקט דאַן ווען דער חבר האָט געמאַכט אַ ביטערע אַטאַקע אויפן ציוניזם, איז צו דער פאַרזאַמלונג געקומען אַ חבר וואָס האָט ניט געוואוסט דעם סוד, איז ער געבליבן שטיין אַ פאַר־גאַפטער און האָט געמיינט, אַז דער חבר וואָס האָט גערעדט קעגן ציו־

ניזם איז משוגע געוואָרן. סטייטש, אַראָנסאָן רעדט קעגן ציוניזם, וואָס איז דאָ געשען? ווען מען האָט אים דערקלערט וואָס עס קומט פאָר, איז אויסגעבראָכן אַ גרויסער געלעכטער און דער חבר האָט זיך באַרואיקט.

איידער די דעבאַטע איז פאָרגעקומען איז קיין אַמעריקע געקומען דוב אַבערסאָן פון לאָנדאָן. ער איז געווען אַ געאיבטער רעדנער און האָט אונז טאַקע פיל אַרויסגעהאָלפן. זיין רעדע האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. עס קלינגען מיר נאָך אין די אויערן די שלום־ווערטער פון זיין דעמאָלסטיקער רעדע: „און ווען עס וועט קומען די צייט ווען עס וועט אויסברעכן די דערוואַרטעטע וועלט־מלחמה, און ווען צום סוף וועלן די פאַרטרעטער פון די באַטייליקטע נאַציאָנען זיך פאַרזאַמלען אַרום דעם גרינעם טיש צו באַטראַכטן ווי אַזוי צו ברענגען שלום אויף דער וועלט, ווילן מיר, אידן, אַלס אידן, אויך זיין דערביי".

דעם 19טן יולי, אַכט חדשים נאָכדעם ווי דער פועלי ציוניסטישער פאַראיין איז אין ניו־יאָרק אָרגאַניזירט געוואָרן, האָט זיך אָב קאַהן דערמאָנט צו שרייבן אַן עדיטאָריעל אונטערן נאָמען „ראַדיקאַלער ציוניזם". ער איז געווען זעהר פריינטלעך און אויך העפלעך, אָבער, האָט ער געטענה׳ט: ווי קאָן מען אַריינשטופן אַן עמער אין אַ קוואָרט? דאָס האָט געהייסן, אַז דער ציוניזם איז אַ קווערטל און דער סאָציאַליזם איז אַן עמער און מיר, פועלי־ציון, זוכן אַריינצושטופן דעם סאָציאַליזם אין ציוניזם. אמת׳ער פלפול. אַז ביידע ריכטונגען קאָנען גיין האַנט־אין־האַנט, דאָס זעט איר, איז אים גאָרניט אייגעפאַלן.

א. ליטווין וואָס איז געווען אַן אינוויינקסטער מענטש אין דער רעדאַקציע פון „פאָרווערטס" און פלעגט ניט דאַרפן ווייזן זיינע אַרטיקלען דעם רעדאַקטאָר, נאָר פלעגט זיי שיקן גלייך צום זעצער, האָט אָנגעשריבן אַן ענטפער צו קאַהאַנען. דער ענטפער איז אָבער ניט געדרוקט געוואָרן, ווייל ליטווין האָט זיך פאַרזינדיקט.

דעם 21טן מאַי האָט ער אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל „און אפשר"? אין וועלכן ער האָט אַרויסגעבראַכט דעם געדאַנק, אַז אפשר איז איצט פאַראַן אַ מעגלעכקייט צו באַקומען ארץ ישראל און שאַפן דאָרט אַ היים פאַר דעם היימלאָזן אידישן פאָלק? און דעם 22טן מאַי האָט ער אָפּגעדרוקט נאָך אַן אַרטיקל „דעמאָנסטראַציאָנען און די מאַסן", אין וועלכן ער האָט געפאָדערט, אַז עס זאָל דורכגעפירט ווערן די גרויסע פאָלקס־דעמאָנסטראַציע וואָס איז מיט אַ צייט צוריק באַשלאָסן געוואָרן צו אַראַנזשירן. די ביידע אַרטיקלען האָבן, ווי ס׳האָט אויסגעזען, ניט שטאַרק נושאַחן געווען ביים רעדאַקטאָר, און אפשר זיינען אַריינגעקומען פּראָטעסטן פון די ציוניסטישע קעגנער. דערפאַר איז דעם 23טן מאַי דערשינען אַ

נאָטיץ פון דער רעדאַקציע, אַזביידע אויבנדערמאָנטע אַרטיקלען זיינען געדרוקט געוואָרן דורך אַ פאַרזעען. זיי האָבן געזאָלט דערשיינען אַלס גרעסערע שטימען פון פאָלק, און אַז די רעדאַקציע בעט אַנטשולדיקונג, ווייל די מיינונגען פון א. ליטווין זיינען ניט די אָנזיכטן פון דער גרויסער מאַסע וואָס גיט אַרויס דעם „פאָרווערטס". פון דעמאָלט אָן האָט מען שוין געהאַט אַן אויג אויף ליטווינען אַזוי, אַז זיין ענטפער צו אַב. קאהן אויף דעם דערמאָנטן עדיטאָריעל האָט קיינמאָל ניט דערזען די ליכ־טיקע שיין.

מיר האָבן פאַררופן אַ פאַרזאַמלונג אין די קלוב־צימערן פון די אוהבי ציון, נומער 9 ראַטגערס פּלייס, וואו ליטווין האָט פאַרגעלעזן זיין ענטפער צו אַב. קאַהאַנ'ען. דער פּלאַץ איז טאַקע געווען איבער־געפּאַקט, דאָך איז עס געבליבן אַ סוד, ווייל בלויז די וואָס האָבן באַזוכט דעם מיטינג האָבן געהערט די פאַרלעזונג פונם ענטפער, פאַרן ברייטן עולם איז דער עדיטאָריעל פאַרבליבן ניט געענטפערט. און א. ליטווין איז שוין פאַרבליבן אין „פאָרווערטס" אַ דרויסנדיקער מיטאַרבעטער.

נאָך איין פאַקט, וואָס וועט כאַראַקטעריזירן די באַציאונג פונם „פאָרווערטס" צו די פּועלי ציון און צום ציוניזם בכלל: יעדע צייטונג האָט אַ „בריוו־קאַסטן". דאָס איז אַן אָפּטיילונג דורך וועלכער מען גיט ענטפערס אויף פאַרשידענע פראַגן וואָס ווערן אַריינגעשיקט פון לעזער און דער וואָס גיט די ענטפערס, איז געוויינלעך אַ מענטש, וואָס ווייסט וואָס ער רעדט. ער איז נישט קיין הפקר־מענטש. טאָ לאָמיר זען וואָס פאַר אַן ענטפער ער האָט געגעבן ווען אַ לעזער האָט ביי אים אָנגעפרעגט אויב אַ ציוניסט קאָן אויך זיין אַ סאָציאַליסט? אָט איז דער ענטפער: „אַ ציוניסט מעג אויך זיין אַ סאָציאַליסט, זיי זיינען דאָס אָבער ניט; זייער אידעאַל פון יודען־שטאַאט, זייער טאַקטיקע צו דערגרייכן אים, זיינען דער היפוך פון דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל און טאַקטיקע. עס זיינען דאָ לייטע אין דעם לאַגער פון די ציוניסטן וועלכע זיינען סאָציאַליסטן, זיי פאַרבלייבן דאָרט אָבער נאָר אַזוי לאַנג, ביז זיי זעען איין, אַז דער אידעאַל און טאַקטיקע פון די ציוניסטן האַרמאָנירן ניט ניט נאָר מיט דעם סאָציאַליזמוס נאָר אויך זייער אָפּט זאָגאָר ניט מיט איינפאַכער אַנשטענדיקייט, אָרנטלעכקייט און מענטשן־ווירדע".

איצט ווייסן די לעזער אונטער וועלכע שווערע באַדינגונגען די פּועלי ציון האָבן אָנגעפירט זייער אַרבעט פאַרן ציוניזם, דאָך האָט זיך די באַוועגונג אָנגעהויבן שטאַרק פאַנאַנדערוואַקסן, עס זיינען אָרגאַני־זירט געוואָרן פאַראיינען אין אַ רייע שטעט איבערן לאַנד א. א. וו.

איך וויל פאַרצייכענען נאָך אייניקע פאַקטן וועגן די האַנדלונגען פונם „פאָרווערטס" קעגן ציוניזם בכלל און קעגן די פּועלי ציון בפרט.

פאַר געשיכטע דאַרף מען ניט, טאָר מער ניט פאַרשווייגן דעם אמת, ווען אפילו עס טוט וועמען וויי. אָט זיינען די פאַקטן: ווען דר. הערצל, דער פאָטער פון פּאָליטישן ציוניזם, איז געשטאָרבן דעם דריטן יולי, 1904, האָט דר. קאַרל פאַרנבערג געשריבן אַן אַרטיקל אין „פאָרווערטס״ אין וועלכן ער האָט באַצייכנט הערצלען אַלס אַ פאַלשער משיח און האָט באַהויפּטעט, אַז דער ציוניזם איז געווען באַנקראָט נאָך איידער הערצל איז געשטאָרבן.

עטלעכע טעג שפּעטער איז דערשינען אַן עדיטאָריעל אָן אַן אונ־טערשריפט, אין וועלכן עס איז אַרויסגעוויזן געוואָרן דרך־ארץ פאַר דעם פאַרשטאָרבענעם ציון־פירער, און צוויי וואָכן שפּעטער איז אויף דעם פּלאַץ פונם עדיטאָריעל געווען געדרוקט אַ דריי קאָלומדיקער אַר־טיקל פון אברהם ליעסין מיט אַ סך ליוב פאַר דר. הערצלען. ער איז געווען אַן אידעאַליסט, ער האָט געוואָלט באַפרייען זיין פאָלק א. א. וו., אָבער דער ציוניזם איז ניט מער ווי אַ פאַנטאַזיע, א שיינער חלום אָבער דאָך ניט מער ווי אַ חלום.

און ניט נאָר האָט דער „פאָרווערטס״ געפונען פאַר נויטיק אונז צו שיטן זאַלץ אויף די וואונדן, אין דעם מאָמענט פון אונזער גרויסן פאַר־לוסט, נאָר כמעט אַלע אַנדערע סאָציאַליסטישע צייטונגען, ווי די „אַר־בעטער וועלט״ וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון די פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן, האָט אויך געפונען פאַר נויטיק צו באַהויפּטן, אַז הערצל איז געווען אַ חכם, ער איז געשטאָרבן אין צייט בכדי ער זאָל ניט דערלעבן צו זען ווי זיין אידעאַל, דער ציוניזם, שטאַרבט אָפּ.

מיר האָבן אַזעלכע האַנדלונגען ניט געקאָנט פאַרשווייגן און האָבן אַרויסגעגעבן אַ פלוג־בלאַט מיט דעם נאָמען „די וואַרהייט״, אין וועלכן מיר האָבן אויסגעגאָסן אונזער צאָרן אויף די, וואָס האָבן געהאַט די חוצפה צו רעדן אין אַזאַ אומאָנשטענדיקן טאָן וועגן אונזער פאַרשטאָר־בענעם פירער. ווען יוסף באַראָנדעס איז פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי נאָמינירט געוואָרן אַלס קאַנדידאַט פאַרן קאָנגרעס, איז פאַררופן געוואָרן אַ קאָנפערענץ פון פאַרשידענע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס, בכדי צו אָרגאַניזירן דעם קאַמפּעין פאַר זיין דערוויילונג. אויך אונזער פאַר־איין האָט געשיקט דעלעגאַטן צו דער קאָנפערענץ. האָט מען אונזערע דעלעגאַטן ניט צוגעלאָזט, ביז עס וועט אונזער פאַראיין ניט באַזוכן אַ קאָמיטעט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און הערן פון אונז, אַז מיר אַנטשולדיקן זיך פאַר די באַליידיגנדיקע אויסדרוקן, וואָס דער פּאַמפּלעט האָט אַנטהאַלטן קעגן די סאָציאַליסטן. די קאָמיטע איז געקומען און ר׳ בנימין פייגענבוים אַליין איז געווען דער, וואָס האָט געערדט צו אונז און געפאָדערט אַן אַנטשולדיקונג. חבר משה גודמאַן האָט אים געענט־

פערט, אַז דער פּאַמפלעט איז געווען אַדרעסירט נישט אויף דעם חשבון פון אַלע סאָציאַליסטן, נאָר צו די, וואָס האָבן געלעסטערט דעם אָנדענק פון אונזער פירער. אויב איר פילט, אַז דאָס שטריימל פּאַסט אייך, האָט ער געזאָגט, טראָגט עס געזונטערהייט. אויב איר פילט זיך ניט שולדיק, ווארום זאָלט איר אָננעמען די ווערטער אויף אייער חשבון? זאָלן זיך פילן באַליידיקט די, וואָס האָבן עס כשר פאַרדינט. די קאָמיסיע האָט אָנגענומען די דערקלערונג און מען האָט אונז געגעבן אַ געלעגנהייט צו העלפן אין דעם קאַמפּעין פאַר יוסף באַראַנדעס'ן, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען כמעט אַ ציוניסט און איז שפּעטער געוואָרן אַן איבערגעגעבענער חבר אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און האָט פיל בייגעשטייערט פאַר דער פאַרשטאַרקונג פונם ציוניזם דאָ אין לאַנד.

***

עס האָט זיך אָבער מיט דעם ניט געענדיקט. דער „פאָרווערטס" האָט אונז נאָך אַלץ באַטראַכט אַלס ניט זיינע מענטשן און האָט נאָך אַלץ פאַרגעצויגן צו אונטערדריקן דאָס ציוניסטישע וואָרט און אפילו פאַרלייקענען דעם אמת, וואָס פּאַסט ניט פאַר אַן אָנשטענדיקער צייטונג. אין די יאָרן נאָך דעם קישינעווער פּאָגראָם, זיינען פאָרגעקומען אַ גרויסע צאָל פּאָגראָמען אין פיל שטעט איבער גאַנץ רוסלאַנד, ווי האָמעל, שעדלעץ, ביאַליסטאָק, זשיטאָמיר א. א. וו. נאָך קישינעוו, ווי מיר געדענקען, האָט ביאַליק אָנגעשריבן זיין באַרימטע פּאָעמע „אין שחיטה־שטאָט", אין וועלכער ער האָט באַדויערט דעם פאַקט, וואָס די אידן פון קישינעוו האָבן זיך באַהאַלטן אויף די בוידעמער און אין קעלער און האָבן זיך ניט פאַרטיידיקט קעגן די רוצחים, ווי עס האָט געפּאַסט פאַר די אייניקלעך פון מאַקאַבייער. עס האָט זיך באַלד געשאַפן איבער גאַנץ רוסלאַנד אַ זעלבסט־פאַרטיידיקונג, וואָס איז געווען אַנטשלאָסן צו קעמפן קעגן די פּאָגראָמטשיקעס און ניט לאָזן זיך אויסשעכטן ווי הילפלאָזע שעפּסן. אין דער זעלבסט־שוץ האָבן אומעטום אָנטייל גענומען די ציוניסטן, פועלי־ציון, סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן, טעריטאָריאַליסטן און עס פאַרשטייט זיך אויך דער „בונד". די אַלע פּאַרטייען האָבן געלאָזט וויסן, אַז זיי נייטיקן זיך אין געלט אויף צו קויפן געווער, בכדי זיי זאָלן האָבן מיט וואָס זיך צו פאַרטיידיקן.

צו ענטפערן אויף דעם רוף פון אונזערע חברים אין רוסאַנד, איז פאַררופן געוואָרן אַ קאָנפערענץ פון די דערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס און עס איז דאָ געשאַפן געוואָרן אַ „סעלף־דעפענס" אָרגאַניזאַציע, מיט דר. יהודה ליב מאַגנעס אַלס טשערמאַן.

אַלע דערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך אָנגעשלאָסן, נאָר ניט דער „בונד". דער „בונד" האָט זיך אָפּגעזאָגט צו ווערן אַ טייל פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע און געמאַכט שבת פאַר זיך, און מיט דער הילף פונם „פאָרווערטס", האָט ער אַפּעלירט צו די מאַסן מען זאָל שיקן געלט פאַר דער זעלבסט־שוץ נאָר צום „בונד", אויף דעם אַדרעס פון „פאָר־ווערטס". עס האָבן ניט געהאָלפן קיין טענות און קיין אַרגומענטן. דער „בונד" גייט אין דער פאַרטיידיקונגס־אַרבעט באַזונדער, דער עיקר האָבן די בונדיסטן געזוכט צו מאַכן דעם איינדרוק, אַז דער „בונד" איז די איינציקע אָרגאַניזאַציע, וואָס פאַרטיידיקט די רוסישע אידן קעגן די פּאָגראָמטשיקעס.

נאָך דעם זשיטאָמירער פּאָגראָם, אין וועלכן עס זיינען געפאַלן פיל קרבנות פון די אידישע קעמפער פון אַלע דערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס, עס איז אפילו געפאַלן אַ ניט־איד מיטן נאָמען בלינאָוו, וואָס איז געווען אַ סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער, האָט דער „פריינד" פון פּעטערבורג גע־דרוקט אַ סעריע אַרטיקלען, אין וועלכע דער שרייבער האָט באַשריבן אַלע איינצלהייטן פונם פּאָגראָם; דער „פאָרווערטס" האָט איבערגעדרוקט אַלע אַרטיקלען. האָט אָבער דער „פריינד" געדרוקט איין אַרטיקל, אין וועלכן ער האָט געבראַכט די פאַקטן וועגן די געפאַלענע פון דער זעלבסט־שוץ און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז גראָד איז די צאָל פון די בונדיסטן געווען אומבאַדייטנדיק קעגן דער צאָל פון די אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. אָט דעם אַרטיקל האָט דער „פאָרווערטס" ניט איבער־געדרוקט.

דער שרייבער פון די שורות האָט דאַן געשיקט אַ בריוו צו דער רעדאַקציע פון „פאָרווערטס" און געפרעגט: היתכן, וואו איז יושר און וואָס איז וועגן אמת? האָט דער „פאָרווערטס" דווקא אָפּגעדרוקט דעם בריוו ווי געשריבן און מיך באַערט מיט אַן עדיטאָריעל־ענטפער און דער ענטפער איז געווען, אַז דער „פאָרווערטס" איז אַ סאָציאַליסטישע צייטונג און דער „בונד" איז אַ סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע, דערפאַר טוט דער „פאָרווערטס" אַלץ, וואָס ער געפינט פאַר נויטיק, בכדי צו העלפן דעם „בונד" און ניט די אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. דאָס איז געווען דער ענטפער. מען קאָן זיך פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַן איינדרוק אָט דער ענטפער האָט געמאַכט אויף דער עפנטלעכקייט. חוצפה, איז געווען די מיינונג פון אַלע אנשטענדיקע מענטשן. נאָך איין פאַקט, און דערמיט וועל איך פאַרענדיקן די שילדערונגען ווי אַזוי די געגנאָסן האָבן אונז באַהאַנדלט און געלייגט אונז שטיינער אויף דעם שווערן וועג, דער עיקר, וואָס זייערע האַנדלונגען זיינען געווען ניט קיין ערלעכע.

ווען עס איז פאָרגעקומען דער ציוניסטישער קאָנגרעס, האָבן די

ניו־יאָרקער ציוניסטן איינגעאָרדנט אַ גרויסע גאַסן־דעמאָנסטראַציע, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ פאַרזאַמלונג אויף ראָטגערס סקווער, אַנטקעגן דער טיר פון „פאָרווערטס“. לויט דער אָפּשאַצונג פון דער פרעסע, אידישע און ניט־אידישע צייטונגען, האָבן אין דער דעמאָנסטראַציע אָנטייל גענומען מער ווי צוועלף טויזנט מענער און פרויען, זיי האָבן מאַרשירט אונטער די קלאַנגען פון מוזיק און געזאַנג, מיט דער אידישער פאָן און באַנערס פון פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן זיך אין דער דעמאָנסטראַציע באַטייליקט. עס איז געווען אַן אמת׳ע פרייד אָנטייל צו נעמען אָדער צוצוזען די באַגייסטערונג, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די גאַנצע איסט־סיידער באַפעלקערונג. אַלע צייטונגען האָבן אויף דער פראָנט־זייט באַשריבן די איינצלהייטן פון דער דעמאָנסטראַציע און איבערגעגעבן די רעדעס פון דר. מאַגנעס און אַנדערע. דער „פאָרווערטס“ האָט מיט קיין איינציקן וואָרט ניט דערמאָנט די פאַסירונג. עס האָט אונז שטאַרק וויי געטאָן. האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט און נאָכאַמאָל געפרעגט: היתכן? איך בין זיכער, האָב איך געשריבן, אַז ווען כינעזער אָדער אירישע וואָלטן אָפּגעהאַלטן אַזאַ איינדרוקספולע דעמאָנסטראַציע צוליב זייערן אַ יום־טוב, וואָלט דער „פאָרווערטס“ געשיקט זיינע רעפּאָרטערס און פאָטאָגראַפערס און וואָלט די געשעענישן באַשריבן מיט אַלע איינצלהייטן. מיט וואָס, האָב איך געפרעגט, זיינען מיר ערגער פון כינעזער אָדער אירישע? דעם בריוו האָט מען שוין ניט געדרוקט, און מען האָט מיר אין „בריפקאַסטן“ געגעבן דעם פאָלגנדיקן ענטפער: „מיר וויסן, אַז אַלס ציוניסט, קאָנט איר ניט זיין איינפאַרשטאַנען מיט דער טאַקטיק און פאָליסי פון אונזער צייטונג. צוליב וואָס אָבער דאַרפט איר עס אונז אַזוי אָפט לאָזן וויסן?“ און אַ סוף, אַן ענדע צו מיין דערציילן וועגן די שיינע מעשים פון „פאָרווערטס“. איך, וואָס האָב געלייענט אַלע אידישע צייטונגען, טאַקע אַלע, האָב אויפגעהערט צו לייענען דעם „פאָרווערטס“ און עס פאַרשטייט זיך, אַז איך בין ניט געווען דער איינציקער.

ג. דער אינערלעכער קאַמף מיט די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן

איצט קער איך זיך אום צו דער אַרבעט פון די פּועלי ציון און זייערע דערגרייכונגען. דער אַפּיל פון די פּועלי ציון צו דער אידישער יוגנט פון אַמעריקע האָט געקראָגן אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג איבער דעם גאַנצן לאַנד. עס האָבן זיך אָרגאַניזירט פאַראיינען אין פילע שטעט און פון אַנדערע זיינען געקומען אָנפראַגן. מען האָט ביי אונז געבעטן הילף דורך שיקן רעדנער, ליטעראַטור, אינפאָרמאַציע א. ד. גל. קיין סך האָבן מיר פאַר זיי ניט געקאָנט טאָן, דאָך האָט זיך די באַוועגונג אָנגעהויבן פאַנאַנדערצואוואַקסן און עס האָט אויסגעזען, אַז מיר האָבן גרויסע האָפענונגען אויף דערפאָלג. די גרויסע איינוואַנדערונג האָט אַריבערגעבראַכט יונגע מענער און פרויען, וואָס זיינען שוין געווען מיטגלידער אין פּועלי־ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אויף יענער זייט ים און זיי האָבן זיך דאָ אָנגעשלאָסן אין אונזערע פאַראיינען. עס זיינען אויך אָרגאַניזירט געוואָרן אַ צאָל נייע פאַראיינען. קיין צענטראַלע קערפּערשאַפט, וואָס זאָל אָנפירן מיט דער אַרבעט, האָבן מיר ניט געשאַפן. קיין גרויסע צאָל רעדנער האָבן מיר אויך ניט פאַרמאָגט, ליטעראַטור האָט אויסגעפעלט. איז טאַקע געווען שלעכט. האָבן מיר אָבער געהאָפט, אַז עס וועלן בקרוב קומען בעסערע צייטן, די מעגלעכקייטן האָבן זיך באַוויזן.

דערווייל האָבן מיר באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ דריי־מאָנאַטלעכן זשורנאַל און אין חודש מאַי, 1904, איז דערשינען דער ערשטער נומער „די נייע שטימע", אין 48 זייטן, מיט אַ צאָל אַרטיקלען, רעדאַקציאָנעלע נאָטיצן, לידער, צווישן וועלכע עס האָט זיך געפונען אויך די שבועה, דער אָפּיציעלער הימן פון די פּועלי־ציון, וואָס מיר פלעגן זינגען אויף אַלע אונזערע פאַרזאַמלונגען, צוזאַמען מיט דער התקוה און אויך אַ דערציילונג און זאַגאַר אַ פעליעטאָן. און זאָל עס דאָ געזאָגט ווערן, כמעט אַלע שרייבער זיינען געווען אָנפאַנגער, מענטשן וואָס האָבן זיך ערשט באַדאַרפט לערנען האַלטן אַ פּען אין דער האַנט. דער איינציקער פּראָפעסיאָנעלער שרייבער איז געווען א. ליטווין, אַ מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס", וואָס איז געווען אַ פּועלי ציון אין מינסק, דאָס וויגעלע פון פּועלי ציוניזם, נאָך איידער ער איז געקומען קיין אַמעריקע. קיין אָפּיציעלן רעדאַקטאָר האָבן מיר ניט געהאַט. עס איז געווען אַ רעדאַקציאָנס קאָמיטעט, וואָס איז באַשטאַנען פון א. ליטווין, אב. גאָלדבערג און דער

שרייבער פון דער בראַשור. מ. גודמאַן איז געווען דער טרעזשורער און אין זיין רום, וואו ער איז געווען אַ באָרדער, איז געווען דער אָפיס פון וואַנען מען פלעגט ארויסשיקן דעם זשורנאַל און עס פלעגן דאָרט אָפּגעהאַלטן ווערן די פאַרזאַמלונגען פון דער רעדאַקציע, וואו אַלע אַרטיקלען פלעגן געלייענט ווערן און גוטגעהייסן ווערן פאַרן דרוקן.

מיר זיינען געווען גליקלעך מיט דער דערשיינונג פון דעם זשורנאַל, ענדלעך האָבן מיר אַן אייגענעם אָרגאַן, וואו מיר וועלן קאָנען זאָגן אונזער וואָרט, ענטפערן אונזערע קעגנער, קלאָר מאַכן אונזערע אַנזיכטן איבער דעם ציוניזם און רעאַגירן איבער פאַרשידענע פראגן און פראָבלעמען, וואָס זיינען דאַן געשטאַנען אויפן סדר־היום. דאָס דערשיינען פון דער „נייע שטימע״ האָט אַריינגעבראַכט אַ סך לעבן אין דער באַוועגונג, און עס איז געוואָרן ליהודים, מען האָט זיך געפרייט מיט די גוטע אויסזיכטן אויף דערפאָלג.

עס איז געשאַפן געוואָרן אַ פּרעס־פאָנד און עס איז געזאַמלט געוואָרן גענוג געלט אויף צו דעקן די קאָסטן פון דעם ערשטן נומער, גאַנצע 35.75 דאָלער. די גרעסטע ביישטייערונג איז געווען 10 דאָלער פון דעם אוהבי ציון פאַראיין און די קלענסטע איז געווען 25 סענט פון אַ סימפּאַטייזער. די אַלגעמיינע ציוניסטן האָבן געהאָלפן פאַרשפרייטן דעם זשורנאַל. מיר האָבן אויך פאַרקויפט ליטעראַטור, וואָס מיר האָבן באַקומען פון רוסלאַנד און פון אַנדערע לענדער. אין יולי 1904 איז דערשינען דער ערשטער נומער פון אַ חודש־זשורנאַל „די אידישע צוקונפט״, אַריסגעגעבן פון דר. יחזקאל וואָרטסמאַן אין לאָנדאָן. דער זשורנאַל איז געשטאַנען אויף אַ זייער הויכער מדרגה און מיר האָבן אים דאָ פאַרשפרייט צווישן אונזערע חברים און ציוניסטן בכלל.

אין אונזערע אייגענע רייען איז אָבער ניט אַלץ געגאַנגען ווי מיר האָבן געהאָפט, ווייל אין מזל לישראל. עס האָבן זיך אָנגעהויבן רייסערייען און קריגערייען צוליב דעם, וואָס אַ גרויסער טייל פון אונזערע חברים זיינען געווען אָנהענגער פונם טעריטאָריאַליסטישן געדאַנק און זיי האָבן דערפאַר באַהערשט די אָרגאַניזאַציע.

אין דעם חודש־זשורנאַל, „די אידישע צוקונפט״, וואָס איז אַרויסגעגבן געוואָרן אין לאָנדאָן פון דר. יחזקאל וואָרטסמאַן, איז געווען געדרוקט אַן אַרטיקל „טעריטאָריאַליזם אָדער ציוניזם״, געשריבן פון ציוני פּראָלעטאַרי (יעקב ראַבינאָוויטש). דער אַרטיקל איז געווען זייער גוט געשריבן צום גונסטן פון ארץ ישראל און קעגן טעריטאָריאַליזם. ער האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף אַלע וואָס זיינען געווען פאַראינטערעסירט אין דער פראַגע. האָט אַב. גאָלדבערג, וואָס איז געווען אַ טעריטאָריאַליסט, זיך פאַרמאָסטן אים צו ענטפערן און האָט אָפּגע־

דרוקט אַן אַרטיקל אין אונזער „נייע שטימע". דאָס, האָבן מיר געטענהט, האָט ניט געטאָרט דערלאָזט ווערן, ווייל דער זשורנאַל איז נאָך אַלץ געווען דער אָרגאַן פון דער פועלי־ציון־פּאַרטיי. און דאָ האָבן זיך אָנ־געהויבן די ערנסטע שטרייטן צווישן די צוויי ריכטונגען, די פועלי־ציון־פּאַלעסטינצעס און די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן.

עס איז אפילו צוזאַמענגערופן געוואָרן אַ קאָנווענשאָן, בכדי צו גע־פינען אַ וועג ווי מען זאָל אָנהאַלטן די גאַנצקייט פון דער אָרגאַניזאַציע, ווייל מיר האָבן גוט פאַרשטאַנען, אַז אַ שפּאַלטונג אין דער יונגער און שוואַכער אָרגאַניזאַציע וועט אונז קיין גוטס ניט טאָן. עס איז אויף יענער קאָנווענשאָן אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס צו שאַפן אַן אַקציאָנס־קאָמיטעט אַלס די אויבער־מאַכט, וואָס זאָל צוזאַמענהאַלטן די אָנהענ־גער פון ביידע ריכטונגען. אין דער זעלבער צייט זאָל יעדער ריכטונג געגעבן ווערן די פרייהייט און די מעגלעכקייט אָנצופירן די אַרבעט פאַר איר שטאַנדפּונקט און פאַר אירע פּאָנדן, ווי זי וועט געפינען פאַר נויטיק, אונטער דער לייטונג פון אַן אייגענעם צענטראַל־קאָמיטעט. איז דאָס אָבער ניט געלונגען. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די פּאַלעסטינ־צעס און די טעריטאָריאַליסטן האָבן זיך מער פיינט באַקומען, ווי זיי האָבן פיינט געהאַט זייערע ערגסטע קעגנער.

מען האָט געוואַרט אויף דעם אויסגאַנג פון דעם זיבעטן ציוניסטישן קאָנגרעס, וואו עס האָט באַדאַרפט באַשטימט ווערן דער שיקזאַל פונם טעריטאָריאַליזם, כאָטש מען איז געווען זיכער, אַז עס וועט פאָרקומען אַ שפּאַלטונג צווישן די צוויי ריכטונגען. אַזוי איז טאַקע געווען. אין ניו־יאָרק האָבן זיך אָבער געפונען פועלי ציוניסטן, וועלכע האָבן ניט גע־וואָלט וואַרטן אויף דעם אויסגאַנג פונם קאָנגרעס און האָבן עטלעכע חדשים פאַרן קאָנגרעס אָרגאַניזירט אַ פאַראיין „פועלי־ציון־פּאַלעסטינ־צעס", וואָס האָט זיך שנעל פאַנאַנדערגעוואַקסן און ווען די שפּאַלטונג איז פאָרגעקומען, האָט מען גלייך אָנגעהויבן צו זאַמלען די אייגענע כוחות און אויפדאָסניי אָרגאַניזירן די פועלי ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע און סוף דעצעמבער, 1905, איז אין באַלטימאָר אָפּגעהאַלטן געוואָרן די ערשטע קאָנווענשאָן, וואו עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן די פועלי־ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע פון אַמעריקע, און מען האָט אָנגע־הויבן ווידעראַמאָל פון אָנהויב.

ד. די באַנייטע פועלי־ציון פאַרטיי

די ערשטע צוויי יאָר פון דער פועלי־ציון באַוועגונג אין אַמעריקע איז געווען אַ מין פאָרשפּיל. מיר האָבן געמאַכט, וואָלט איך געזאָגט, רעפּעטיציעס. מיר האָבן זיך געלערנט רעדן און דעבאַטירן, שרייבן און איבערזעצן. אויב מיר האָבן אַליין ניט געקאָנט שרייבן איבער אַ געוויסער פראַגע, האָבן מיר גענומען אַרטיקלען, וואָס אונזערע חברים אין אַנדערע לענדער האָבן געשריבן אויף אַנדערע לשונות, זיי איבערגעזעצט אויף אידיש און פאַרשפּרייט דאָ, אין אַמעריקע.

פאַר מיר ליגט אַ בראָשור, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון פועלי־ציון פאַרלאַג פון אַמעריקע, אין פילאַדעלפיע, אין 1905. די טעמע איז געווען „ציוניזם און טעריטאָריאַליזם״, באַאַרבעט נאָך צבי אברמי פון חיל׳ק. דאָס איז געווען אַן אַרטיקל, וואָס איז דערשינען אין אַ ציוניסטישן חודש־זשורנאַל. „יעווריעיסקאַיאַ זשיזן״, און חיל״ק איז געווען דר. לעאָן קאָפּעלאָוויץ. עס איז ניט פאַראַן דער מינדסטער צווייפל, אַז דר. לעאָן קאָפּעלאָוויץ האָט אַליין געקאָנט אָנשרייבן אַזאַ בראָשור. ער האָט עס אָבער ניט געטאָן, ווייל עס האָט אונז דעמאָלט געפעלט דער צוטרוי אין אונזערע אייגענע כוחות, און נעמען עפּעס פון אַנדערע און עס פאַרלייקענען — דערצו זיינען מיר געווען צו ערלעך און צו אויפריכטיק. אויף דער פראָנט־זייט פון דער בראָשור איז געווען געדרוקט: „ערשטע בראָשורע״, פרייז 5 סענט. און עס זיינען געווען געדרוקט גאַנצע דריי מאָטאָס: „אם אין אני לי מי לי?״ „אמת׳ע באַפרייאונג איז זעלבסט־באַפרייאונג״, און „אידישע אַרבעטער פון אַלע לענדער פאַראייניקט אייך אונטער דער פאָן פון די פועלי־ציון״.

אויף דער לעצטער זייט איז געווען געדרוקט דער פאָלגנדער נאָטיץ: חברים און פריינט! די בראָשורע, וועלכע איר האַלט איצט אין אייערע הענט, איז די ערשטע, וועלכע דער פועלי־ציון פאַרלאַג פון אַמעריקע האָט אַרויסגעגעבן. מיר פאַרשפּרעכן אייך, אַז אין אַ קורצער צייט וועלן מיר אַרויסגעבן אַ גאַנצע ריי בראָשורן, אין וועלכע עס וועלן טעאָרעטיש באַהאַנדלט ווערן אַלע פראַגן בנוגע אונזער אידעאַל. נאָך ליטעראַטור זיך ווענדן אויף דעם פאָלגנדן אַדרעס: ה. כהן, ביי עדלשטיין, 725 ס. 2טע סטריט, פילאַ., פּאַ.״.

איך האָב געבראַכט דעם פאַקט צו באַווייזן ווי אָרעם עס זיינען געווען אונזערע כוחות אין יענער צייט. מיר האָבן אָבער געגלויבט אין

דעם אמת פון אונזער אידעאַל און זיינען געווען זיכער, אַז אונזערע כוחות וועלן זיך אַנטוויקלען און עס וועט קומען אַ צייט ווען אנשטאַט דעם, וואָס מיר זאָלן זיך דאַרפן פאַרטיידיקן קעגן אונזערע שונאים, וועלן מיר זיי אָנגרייפן און זיי וועלן זיך דאַרפן קעגן אונז פאַרטיידיקן.

***

נאָך דעם זיבעטן ציוניסטישן קאָנגרעס איז פאָרגעקומען די שפּאַל־טונג צווישן די „יאַ־זאָגער" און די „ניין־זאָגער", די וועלכע האָבן גע־זאָגט: „מיר זיינען אַ היימלאָז פאָלק און מיר נויטיקן זיך אין אַ לאַנד, וואוהין אונזערע עלנדע ברידער זאָלן קאָנען אויסוואַנדערן און אונז קי־מערט ניט וואו דאָס לאַנד וועט זיך געפינען, מעג עס אפילו זיין הינטער די הרי חושך, און די, וואָס האָבן געזאָגט: „נ י י ן, מיר זיינען ניט קיין ניי־געבוירן פאָלק, וואָס קאָן זיך באַזעצן אין אַ פרעמד לאַנד. מיר זיינען אַ פאָלק מיט אַ רייכער פאַרגאַנגענהייט און אונזער לאַנד איז ארץ־ישראל, ווען אפילו עס געפינט זיך איצט אין פרעמדע הענט. אונזער לאַנד איז דאָרט, וואו מיר האָבן שוין געלעבט אַלס פאָלק און האָבן געשאַפן רייכע קולטור־אוצרות. מיר ווילן פאַרבינדן אונזער רייכן עבר מיט דעם היינט און אויך מיט דעם מאָרגן, און דערפאַר קאָן עס זיין נאָר ארץ ישראל."

די שפּאַלטונג איז פאָרגעקומען און האָט זיך שטאַרק אָפּגערופן אויף דער אַלגעמיינער ציוניסטישער באַוועגונג איבער דער גאַנצער וועלט און, ספּעציעל, אויף דער פּועלי ציוניסטישער באַוועגונג. עס איז געווען בלויז איין יאָר נאָך דעם טויט פון דר. הערצל, וואָס האָט געגעבן דעם ציוניזם אַ שטאַרקן קלאַפּ. פיל באַרימטע ציוניסטן האָבן זיך פאַר־בונדן מיט דער אַלגעמיינער טעריטאָריאַליסטישער באַוועגונג און האָבן געריסן שטיקער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. עס האָט דאַן גע־הערשט אַ גרויסער קריזיס אין אַלע צווייגן פון ציוניזם.

עס איז געווען אין די יאָרן ווען אין רוסלאַנד זיינען פאָרגעקומען אַ גרויסע צאָל פּאָגראָמען און פיל אידן האָבן געזוכט זיך צו ראַטעווען דורך פאַרלאָזן דאָס פאַרשאָלטענע לאַנד. זיי האָבן פאָרגעצויגן צו גיין אין אַן אייגן, אידיש לאַנד, איידער אפילו אין דער פרייער און רייכער אַמעריקע. קיין ישראל, וואָס איז דעמאָלט געווען אונטער דער הער־שאַפט פון טערקישן סולטאַן, האָט מען ניט דערלויבט אַריינצוקומען קיין גרויסע צאָל אידן. און ווען מען טרינקט זיך, כאַפּט מען זיך אָן אפילו אין אַ שטרוי. עס איז דערפאַר געווען נאַטירלעך, אַז די ברייטע אידישע פאָלקס־מאַסן זאָלן אַרויסווייזן סימפּאַטיע צום טעריטאָריאַליזם. זיי

זיצנדיק אויפן פלאָר, פון רעכטס צו לינקס: **דר. י. פינק, יואל ראזאָווסקי, מ. פינסקי, י. מארליס, י. אפעלבוים, א. באראָן (מארליס און באַראָן זיינען געסט פון פילאַדעלפיע).** — צווייטע שורה: **א. ש. וואַלדשטיין, יחזקאל עדעלשטיין, ד. אבערסאָן, דר. לעאָן קאַפעלאָוויטש, מ. גודמאַן, דר. מאַרקוס.** — דריטע שורה: **מאסטעראָוו, דר. הערמאַן זיידעל, צבי יוסף כהן, בעלאַ פעוזנער, אסתר מינץ, חיים פיינמאַן, א. זעלדין און היטעלמאַן.**

האָבן געטראַכט: אפשר? אינטערעסאַנט איז דער פאַקט, וואָס דאָ, ביי אונז, אין דער מאַטעריאַליסטישער אַמעריקע, האָט דער אַלגעמיינער טעריטאָריאַליזם ניט געפונען קיין שום אָפּקלאַנג. עס האָט אפילו ניט געהאָלפן, וואָס ישראל זאַנגוויל, דער פירער פון דער טעריטאָריאַליס־טישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, איז געקומען קיין אַמעריקע, בכדי צו מאַכן דאָ פּראָפּאַגאַנדע פאַר זיין באַוועגונג. ער האָט דאָ גאָרניט אויפגעטאָן.

דערפאַר אָבער האָט דאָ שטאַרק אַנגעריסן דער סאָציאַליסטישער טעריטאָריאַליזם. דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל דער גרויסער איינוואַנ־דערונגס־שטראָם פון יענער צייט האָט אַריבערגעבראַכט פיל יונגעלייט, וועלכע זיינען שוין געווען טעריטאָריאַליסטן אין רוסלאַנד. זיי האָבן זיך דאָ אָנגעשלאָסן אין די ס. ט. פאַראיינען, האָבן אָרגאַניזירט נייע פאַראיינען און זיי האָבן מאַיאָריזירט אונזער אָרגאַניזאַציע.

זאָל דאָ אויך פאַרצייכנט ווערן דער פאָלגנדער פאַקט: מאַנכע פון די סאָציאַליסטישע גדולים האָבן זיך דאַן אַרויפגעכאַפּט אויף דעם טערי־טאָריאַליסטישן וואָגן. צווישן זיי זיינען געווען: דר. חיים זשיטלאָווסקי, משה קאַטץ, יוסף באַראָנדעס און אַנדערע. פאַר די דערמאָנטע איז גע־ווען באַקוועמער אַריבערצוגיין צום טעריטאָריאַליזם, אַ נייע באַוועגונג, ווי זיך אָנצושליסן אין ציוניזם, וואָס זיי האָבן ערשט נעכטן ביטער באַ־קעמפט. עס האָבן אונז דעמאָלט אויך פאַרלאָזט אַזעלכע איבערגעגעבענע חברים ווי אב. גאָלדבערג, ברוך צוקערמאַן און דר. נחמן סירקין, וואָס איז דאַן געקומען קיין אַמעריקע. מיר זיינען דערפאַר שטאַרק אָפּגע־שוואַכט געוואָרן און עס האָט אונז געדראָט אונטערגאַנג. גאָר פשוט, עס האָט אויסגעזען, אַז מיר האָבן ניט מיט וועמען צו גיין צום טיש.

מיר האָבן דערזען די געפאַר און האָבן איינגעזען, אַז מען טאָר ניט פאַרלירן קיין צייט, מען דאַרף אָנהייבן צונויפצובינדן דאָס ביסל כוחות, וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט, און שאַפן אַ צענטראַלע קערפּערשאַפט, וואָס זאָל אָנפירן די אַרבעט מיט די מענטשן, וואָס מיר האָבן, און מיר האָבן דאַן באַשלאָסן צו פאַררופן די ערשטע קאָנווענשאַן, וואָס איז אָפּגע־האַלטן געוואָרן אין באַלטימאָר, פון 23טן ביז דעם 26טן דעצעמבער, 1905.

צו דער קאָנווענשאַן אין באַלטימאָר זיינען געקומען אַכצן דעלע־גאַטן פון זעקס פאַראיינען, און צוויי חברים זיינען געווען געסט פון פי־לאַדעלפיע, וועמען מיר האָבן דערלויבט פאַראייביקט צו ווערן דורך דעם, וואָס מיר האָבן זיי געלאָזט זיין אויף דעם בילד, וואָס איז גענומען גע־וואָרן פון דער קאָנווענשאַן. די אַכצן דעלעגאַטן האָבן פאַרטראָטן צוויי פאַראיינען פון ניו־יאָרק, און איין פאַראיין פון יעדער פון די פאָלגנדע שטעט: פילאַדעלפיע, באַלטימאָר, פּאַסעאיק, שיקאַגאָ. דאַכט זיך, אַז עס

האָט שוין דעמאָלט עקזיסטירט אַ פֿאַראײן אויך אין ברידזשפּאָרט, קאָנע־טיקוט, פון וועלכן מרים קאַרפּילאָוו איז געווען די סעקרעטאַרשע. אָבער דער פֿאַראײן איז געווען צו אָרים צו באַצאָלן די הוצאות פֿאַר אַ דעלעגאַט, און אײנער פון די ניו־יאָרקער דעלעגאַטן האָט פֿאַרטראָטן דעם ברידזשפּאָרטער פֿאַראײן.

די שטימונג אויף דער קאָנווענשאָן איז געווען אַ געהויבענע, טראָץ דעם, וואָס די צאָל דעלעגאַטן איז געווען אַזאַ קלײנע און זײ האָבן פֿאַר־טראָטן בלויז עטלעכע אָרימע פֿאַראײנען — אָרים אין כוחות און נאָך אָרימער אין דער צאָל מיטגלידער, וואָס איז געווען אַן ערך דרײ הונ־דערט. עס האָט געהערשט אַ גרויסע באַגײסטערונג, ווײל מיר האָבן גע־גלויבט באמונה שלימה אין דער רעאַליזירונג פון דעם ציוניסטישן אי־דעאַל, און אין דעם גײסט איז אָנגענומען געוואָרן דאָס פּראָגראַם, אין וועלכן מיר האָבן קלאָר געמאַכט אונזערע פּרינציפּן און אונזער שטעלונג סײ צום ציוניזם און סײ צום סאָציאַליזם. מיר האָבן זיך ניט אַרײנגע־לאָזט אין קײן טיפֿע טעאָריעס און פּלפּולים. אין קלאָרע ווערטער און בקיצור האָבן מיר אַרויסגעבראַכט אַלץ, אין וואָס מיר האָבן געגלויבט. דאָס פּראָגראַם איז פֿאַרבליבן אַ וויכטיקער דאָקומענט אין דער געשיכטע פון דער פּועלי־ציוניסטישער באַוועגונג. איך וועל דאָ בלויז אַרויס־ברענגען אײניקע פון די רעזאָלוציעס און באַשלוסן, וואָס זײנען אויף דער קאָנווענשאָן אָנגענומען געוואָרן.

„דיזער פּראָגראַם איז געשאַפֿן געוואָרן אויף דעם ערשטן אַמעריקאַנישן פּוע״צ קאָנווענשאָן, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דעם 23טן, 24טן, 25טן און 26טן דעצעמבער, 1905. אין אים האָבן מיר זיך באַמיט צו צײגן אונזער כאַראַקטער אַלס פּאַרטײ און צו ערקלערן קורץ און דײטלעך, וואָס מיר ווילן. זײט דער עקזיסטענץ פון דער פּוע״צ באַוועגונג איז דאָס פּילײכט דער ערשטער פֿאַרזוך צו באַשאַפֿן אַ גאַנצן, פֿאָלקאָמענעם פּראָגראַם, וואָס נעמט אַרײן אין זיך דעם גאַנצן פּועלי־ציוניסטישן אידעאַל, די קעגנוואַרטיקע ווי די צוקונפֿטיקע אַרבעט. ער איז דיקטירט געוואָרן, פון אײן זײט, פון דעם גרויסן וועלט־שמערץ פון דער איצטיקער געזעלשאַפֿטלעכער אָרדענונג און, פון דער אַנדערער זײט, פון דעם אומנאַרמאַלן לעבן פון אונזער פֿאָלק, און ער איז באַשאַפֿן מיט אַן ערנסט און געוויסנהאַפֿטיקײט, מיט וועלכער מיר האָפֿן אויך אונטערצונעמען אונזער הײליקע אַרבעט, צו פֿאַרטיפֿן אונזער פּראָגראַם און עס אויך אַרויסצופֿירן אין ווירקלעכן לעבן“.

ווען מען לײענט די אײנלײטונג צום פּראָגראַם, די שפּראַך אין וועלכער זי איז געשריבן, קען מען זען מיט וואָס פֿאַר אַ טיפֿע און הײ־

ליקע געפילן די ווערטער זיינען געשריבן געוואָרן. זיי קלינגען אַפשר נאַ־איוו, דערפאַר אָבער הערלעך און ערנסט, און דערפאַר איז טאַקע געקו־מען דער גרויסער דערפאָלג און די דערגרייכונגען, וואָס די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט אויפגעטאָן פאַר דער רעלאַיזירונג פונם ציו־ניסטישן אידעאַל אין דעם האַלבן יאָרהונדערט פון איר עקזיסטענץ.

עס טוט מיר לייד, וואָס צוליב מאַנגל אין פּלאַץ קאָן איך דאָ ניט איבערגעבן דאָס גאַנצע פּראָגראַם מיט אַלע איינצלהייטן. איך וויל אָבער פעסטשטעלן, אַז די מענטשן זיינען געווען אַנטשלאָסן אַנצוגיין מיט דער אַרבעט ניט געקוקט אויף דעם, וואָס מיר האָבן באַגעגנט אַזוי פיל שטערונגען אויף דעם וועג פון אונזער אַרבעט. צו אַלע קעגנער איז אונז איצט אויסגעקומען צו באַקעמפן אויך אונזערע אייגענע חברים, מיט וועלכע מיר האָבן אַזוי שווער געאַרבעט פאַר דעם געדאַנק פון שאַפן אַ היים פאַר דעם היימלאָזן פאָלק, די ס. ט. און אין יענער צייט זיינען זיי טאַקע געווען אונזערע שטאַרקסטע קעגנער און גרעסטע קאָנקורענטן.

אינטערעסאַנט איז, אַז דאָס מאָל האָבן מיר שוין ניט אָנגענומען קיין סימפּאַטיע־רעזאָלוציע צום „בונד". פאַרקערט, די רעזאָלוציע לייענט זיך: „מיר דריקן אויס אונזער פּראָטעסט קעגן דער געמיינער טאַקטיק פון „בונד" צו די פּוע"צ און צו אַלע אַנדערע אידיש־נאַציאָנאַלע פאַר־טייען אין רוסלאַנד".

עס איז שוין דאָן אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס איינצופירן קעגנ־זייטיקע הילף צווישן די חברים, וואָס האָט געפירט צו דער אָרגאַניזירונג פון פאַרבאַנד, וואָס איז איצט דער גרעסטער כוח אין דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג פאַר ישראל.

איינער פון די וויכטיקסטע באַשלוסן איז געווען צו שאַפן אַ פאָנד פון פינף טויזנט דאָלאַר אויף אַרויסצוגעבן אַ וועכנטלעכן פּאַרטיי־אָר־גאַן, דער נאָמען פון אָרגאַן זאָל זיין „דער אידישער קעמפער". עס איז אָבער באַשלאָסן געוואָרן, מען זאָל ניט וואַרטן ביז עס וועט געזאַמלט ווער די פולע סומע פון 5 טויזנט דאָלער. אַזוי שנעל ווי ס'וועט אַריינקומען פופצן הונדערט דאָלאַר, זאָל די צייטונג אָנהויבן דערשיינען.

***

פון דער געשיכטע פון דער פּועלי ציוניסטישער פּאַרטיי מוז מען קומען צום שלוס, אַז די פירער פון דער פּאַרטיי האָבן זיך אַלעמאָל אויסגעצייכנט מיט זייער געוואַגטקייט. נאָך איידער עס איז אַריינגעקומען דער ערשטער דאָלאַר פאַרן פּרעסע־פאָנד, האָט מען שוין גענומען טראַכטן ערנסט וועגן אַ רעדאַקטאָר. אַ וועכנטלעכע צייטונג קאָן זיך

ניט פאַרלאָזן אויף פּריוואַליקע מיטאַרבעטער. עס מוז זיין כאָטש איין פאַראַנטוואָרטלעכע פּערזאָן, וואָס זאָל אָנפירן מיט דער רעדאַקציע. און עס איז פאַרגעשלאָגן געוואָרן, אַז מען זאָל איינלאַדן קלמן מרמר פון לאָנדאָן אַלס רעדאַקטאָר פון דעם פּאַרטיי־אָרגאַן. מיר האָבן אים ניט גענוג געקענט, צו קאָנען אורטיילן אויב ער איז פּאַסנד צו פאַרנעמען אַזאַ וויכטיקן פּאָסטן אין דער אָרגאַניזאַציע. מיר האָבן זיך דערפאַר פאַרלאָזט אויף דער מבינות פון יואל ראַזאָווסקי, וואָס איז געקומען קיין אַמעריקע פון ענגלאַנד, וואו ער האָט דאָרט געאַרבעט מיט מרמרן פאַר דעם ציוניזם און ער איז געווען מיט דער מיינונג, אַז מרמר וועט זיין פּאַסנד פאַר דער פּאָזיציע. מען האָט זיך באַלד געשטעלט מיט אים אין פאַרבינדונג און ער האָט די איינלאַדונג אָנגענומען.

דאָס ערשטע יאָר איז דער „קעמפער" אַרויסגעגעבן געוואָרן אין פילאַדעלפיע. דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל דאָרט האָט זיך געפונען אַ חבר, יחזקאל עדלשטיין, וואָס איז געווען אין די שיך־ביזנעס און ער האָט זיך אונטערגענומען צו זיין דער נישט־באַצאָלטער פאַרוואַלטער פון דער צייטונג. דעם 30טן מערץ, 1906, איז דערשינען דער ערשטער נומער פון „קעמפער" און עס איז געווען אַ גרויסע שמחה ביי די חברים איבערן לאַנד, כאָטש מען האָט ניט געוואוסט וואו מען וועט נעמען אויף צו באַצאָלן דעם דרוקער פאַר דעם צווייטן נומער. דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס מען האָט ניט געוואַרט ביז עס וועלן אַריינקומען די ערשטע פופצן הונדערט דאָלאַר, ווי עס איז באַשלאָסן געוואָרן אויף דער קאָנווענשאָן. מ'האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן די צייטונג מיט אַ ליידיקער קאַסע. אין דער אויסגאַבע פון 29טן יוני, דריי חדשים שפּעטער, נאָך דעם ווי עס איז דערשינען דער פערצנטער נומער פון „קעמפער", האָט דער סך־הכל פון דער סומע, באַטראָפן גאַנצע עלף הונדערט דאָלאַר. די צייטונג איז דאָך אָנגעגאַנגען און דאָס איז געווען צו פאַרדאַנקען דער איבערגעגעבענער אַרבעט פון דעם פאַרוואַלטער יחזקאל עדלשטיין, וואָס האָט פיל געאַרבעט צו באַקומען אַנאָנסן פון געשעפטס־לייט אין פילאַדעלפיע, וואָס האָט אַריינגעבראַכט אַ באַדייטנדע הכנסה.

דער „קעמפער" האָט געמאַכט אַ גוטן איינדרוק אויף דער אידישער גאַס מיט זיין אינהאַלט. קלמן מרמר האָט צוגעצויגן אַלס מיטאַרבעטער שריפטשטעלער פון פאַרשיידענע לענדער און, עס פאַרשטייט זיך, אַ באַדייטנדע צאָל גוט־באַקאַנטע שרייבער פון אַמעריקע גופא. פיל האָט אים אין דעם אַרויסגעהאָלפן —יואל ראַזאָווסקי, דער סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי, וואָס האָט געהאַט איר הויפּט־אָפיס אין ניו־יאָרק. צווישן די שרייבער זיינען געווען מענטשן פון אַלע ריכטונגען, ניט דווקא פּאַרטיי־מענטשן, און דאָס האָט שטאַרק אויסגענוצט ביי די לעזער. מרמר האָט

אַריינגעבראַכט דעם גייסט פון דער העברעאישער ליטעראַטור דורך דעם, וואָס ער האָט געדרוקט פיל איבערזעצונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן פון באַגאַבטע שריפטשטעלער. י. ז. פרישבערג האָט איבער־געזעצט פון אחד־העם׳ען, י. ח. ברענער׳ן; י. י. שווארץ האָט איבערגע־זעצט פון ביאַליק׳ס בעסטע דיכטונגען. דער שרייבער פון די שורות, וואָס איז געווען איינער פון קאָמיטעט, וואָס האָט געהאַט די אויפזיכט איבער דעם „קעמפער", האָט געהאַט טענות צום רעדאַקטאָר, אַז ער גיט אַוועק צופיל פלאַץ פאַר אַלגעמיינער ליטעראַטור און פאַרנאַכלעסיקט די אינטערעסן פון דער פאַרטיי, און דער עיקר פון דער אַרבעטער־באַ־וועגונג. האָט מיך מרמר איינגעשפּאַנט צו ווערן דער פאַרטרעטער פון „קעמפער" ביי די פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן אין פילאַדעל־פיע, ווייל אין די געווערקשאַפטן האָט זיך אָפּגעשפּיגלט די גאַנצע אי־דישע אַרבעטער באַוועגונג אין יענער צייט. ווען די צייטונג איז אַריבער־געפירט געוואָרן קיין ניו־יאָרק, האָב איך אויך געשריבן באַריכטן פון די פ. א. ג. אין ניו יאָרק. איך בין געווען אין דעם פאַראינטערעסירט, ווייל איך האָב געוואָלט געווינען די אידישע אַרבעטער פאַרן פּועלי־ציוניזם, און דאָס האָט מען בלויז געקאָנט דערגרייכן, ווען די אַרבעטער האָבן געזען, אַז די פּועלי ציון זיינען שטאַרק פאַראינטערעסירט אין זייערע אינטערעסן.

מיר האָבן געזוכט צו פאַרשפּרייטן אידישע און העברעאישע ליטע־ראַטור מיט דער הילף פון דעם „קעמפער", און האָבן אימפּאָרטירט פאַר־שיידענע אויסגאַבן פון כל׳ערליי פאַרלאַגן אין אייראָפּע. אין פאַרלויף פון איין יאָר איז דורך דעם פאַרלאַג „קעמפער" פאַרקויפט געוואָרן איבער צען טויזנט ביכער און בראָשורן אין פאַרשיידענע שפּראַכן. דער פאַרלאַג „קעמפער" האָט אויך אָנגענומען אַבאָנענטן פאַר פאַרשיידענע ציוניסטישע צייטונגען און זשורנאַלן אין רוסלאַנד און עסטרייך, און פאַרשפּרייט אידישע קונסט־אויסגאַבן פון „לבנון" פאַרלאַג אין וואַרשע און פון פאַרלאַנג „פעניקס" אין בערלין.

מיט די קליינע כוחות וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט, האָבן מיר פיל אויפגעטאָן פאַר דעם ציוניזם און פאַר דער אידישער קולטור אומעטום. און ווי שוין געזאָגט, אַ דאַנק דער געוואָטקייט פון די פּועלי ציון פירער, איז אונטערגענומען געוואָרן פיל אַרבעט אויף דעם געביט פון דער־ציאונג און דאָס זאַמלען פון פאָנדן פאַר ארץ ישראל, דער עיקר פאַר דער הסתדרות אין ישראל.

ה. די פאַרצווייגטע טעטיקייט פון דער פועלי-ציון פאַרטיי

גלײַך נאָכדעם ווי עס איז פאָרגעקומען די שפּאַלטונג מיט די טעריטאָריאַ־ליסטן און עס איז אין באַלטימאָר אָפּגעהאַלטן געוואָרן די ערשטע קאָנ־ווענשאָן, איז געוואָרן גאַנץ לעבעדיק אין די רייען פון די פּועלי־ציון. דער „אידישער קעמפער" האָט דערגרייכט אַ גרויסע צאָל לעזער אי־בערן לאַנד, חברים און סימפּאַטיקער, עס האָבן זיך אָרגאַניזירט נייע פאַראיינען און די צאָל מיטגלידער איז גרעסער געוואָרן.

צו דער צווייטער קאָנווענשאָן, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין באָסטאָן, אין דעצעמבער, 1906, זיינען שוין געקומען פערציק דעלעגאַטן און עס זיינען אויך געווען די חשוב׳ע געסט דר. הלל זאָלאָטאַראָוו און יוסף באַראָנדעס, וועלכע האָבן אַדרעסירט אַ גרויסע מאַסן־פאַרזאַמ־לונג, וואָס האָט אַרויסגערופן ענטוזיאַזם ביי די אָנוועזנדע און עס איז געשאַפן געוואָרן אַ באַדייטנדע סומע פאַר דעם פּרעס־פאָנד פון „קעמ־פער". אויך האָט אויף דער פאַרזאַמלונג פאָרגעלעזן שלום־עליכם זיינע פעליעטאָנען, וואָס האָט געשאַפן אַ גוטע שטימונג ביי די אָנוועזנדע.

נאָך דער באָסטאָנער קאָנוועשאָן איז דער „קעמפער" אַריבערגעפירט געוואָרן קיין ניו יאָרק און דער שרייבער פון די שורות וואָס האָט פאַר־וואַלטעט דעם פאַרלאַג „קעמפער" האָט אויך איבערגענומען די פאַר־וואַלטונג פון „קעמפער". דער רעדאַקטאָר איז אויף ווייטער פאַרבליבן קלמן מרמר. עס איז אָבער דערוויילט געוואָרן אַ רעדאַקציאָנס קאָמיטעט, וואָס איז באַשטאַנען פון די פאָלגנדע: ד. אַבערסאָן, א. ש. וואַלדשטיין און לעאָן כאַזאַנאָוויטש.

די פינאַנציעלע לאַגע פון דער צייטונג איז ניט געווען קיין צופרידנ־שטעלנדיקע. עס איז אַלעמאָל געווען אַ דעפיציט און מען האָט געהאַלטן אין איין אַפּעלירן צו די חברים פאַר ביישטייערונגען. און זאָל עס דאָ פאַרצייכנט ווערן, אַז דר. יהודה ליב מאַגנעס, דער סעקרעטאַר פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע, איז אונז געקומען צו הילף, ווען דער שרייבער פון די שורות האָט אים דערציילט וועגן די שוועריקייטן, וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט. ער האָט אונז באַלד געגעבן פינף הונדערט דאָלאַר בכדי מעגלעך צו מאַכן פאַר אונז אָנצוגיין מיט דער אַרויסגע־בונג פון דער צייטונג ביז דער ענדע פונם יאָר, ווען עס וועט אָנהויבן אַריינצוקומען די געלטער פאַרן קומנדיקן יאָר אַבאָנענטן־אָפּצאָל.

שפעטער האָט ער פאַר אונז באַקומען נאָך אַ סומע פון 1.500 דאָלער, וואָס איז אונז שטאַרק צונוץ געקומען. אינטערעסאַנט איז דער פאַקט, וואָס דר. מאַגנעס איז נישט געווען קיין אידיש־לייענער, ער האָט אָבער ריכטיק אָפּגעשאַצט דעם גרויסן ווערט פון דער צייטונג פאַר דער פּראָ־פּאַגאַנדע פון ציוניזם. עס האָבן אונז אויך אַרויסגעהאָלפן מאַנכע ציוניסטישע פאַראיינען און יחידים מיט ביישטייערונגען. מיר האָבן מער קיין הילף ניט באַקומען פון די אַלגעמיינע ציוניסטן. ווייל עס איז געקומען אַ צייט, ווען זיי האָבן אָנגעהויבן איינצוזען, אַז אויך זיי נייטיקן זיך אין אַ אידישער צייטונג און זיי האָבן אָנגעהויבן צו זאַמלען אַ פאָנד פאַר דעם צוועק. און כאָטש דער „קעמפּער״ האָט עס געקאָנט באַטראַכטן אַלס אַ מין קאָנקורענץ, האָבן מיר פונדעסטוועגן געגעבן פּלאַץ פאַרן אָפּדרוקן די רשימה פון די ביישטייערער, בכדי צו דערמוטיקן די אַרבעטער פאַר דער אונטערנעמונג פון אַרויסגעבן אַ וועכנט־לעכע ציוניסטישע צייטונג. צו גרינג איז עס ניט אָנגעקומען. עס האָט גענומען גאַנצע צוויי יאָר ביז דער פאָנד איז געזאַמלט געוואָרן און עס האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען „דאָס אידישע פאָלק״ אונטער דער רע־דאַקציע פון אַב. גאָלדבערג.

די פינאַנציעלע לאַגע פון דער פּאַרטיי, און ספּעציעל פון „קעמפּער״ איז געווען זייער אַ שווערע. טיילווייז איז פאַר דעם געווען פאַראַנט־לעך אונזער בריטהאַרציקייט. מיר האָבן געזאַמלט געלטער פאַר אַלע ציוניסטישע פאָנדן, אפילו פאַר אַזעלכע פאָנדן, מיט וועלכע די אַל־געמיינע ציוניסטן האָבן זיך ניט שטאַרק אינטערעסירט. דער נאַציאָנאַל־פאָנד איז געווען אונזער באַליבטער פאָנד, אָבער צו דעם האָבן מיר זיך אויך באַמיט צו פאַרקויפן אַקציעס פאַר דער קאָלאָניאַל באַנק, זאַמ־לען ביישטייערונגען פאַר דער „בצלאל״־שול און ווען מיר האָבן זיך דערוואוסט, אַז דער באַקאַנטער אידישער דיכטער מאָריס ראָזענפעלד איז געוואָרן קראַנק אויף זיינע אויגן און ער האָט זיך גענויטיקט אין הילף, האָבן מיר געמאַכט אַן אַפּיל צו אונזערע חברים פאַר ביישטייע־רונגען צו דעם פאָנד, בכדי מיר זאָלן אים קאָנען העלפן אין זיין נויט.

דעם 14טן יוני, 1906 האָבן מיר אין „קעמפּער״ אָפּגעדרוקט אַן אַפּיל צום אַלגעמיינעם פּובליקום פאַר הילף. מיר האָבן אַפּעלירט צו די ליבהאָבער פון ריינער פּרעסע און שיינער ליטעראַטור צו העלפן אונז אָנגיין מיט דער אַרבעט. ליידער האָבן זיך זייער ווייניק פונם פּובליקום אָפּגערופן מיט הילף און מיר האָבן ווייטער באַדאַרפט טראָגן דעם שווערן עול פון אַרויסגעבן דעם „קעמפּער״. צו דער זעלבער צייט האָט מרמר אָנ־געגעבן זיין רעזיגנאַציע. די סיבות זיינען געווען, אַז ער איז מיד פון דער אַרבעט, און אַז ער וויל זיך באַזעצן אין ציון, מערב־אזיע — האָט ער

געזאָגט — לעבט איצט ווידער אויף און עס איז שוין געקומען די צייט פון בויען און קעמפן אין אונזער אייגענעם לאַנד". די רעדאַקציע איז דאַן איבערגעגעבן געוואָרן צו אַ קאָלעגיום, וואָס איז באַשטאַנען פון א. ש. וואַלדשטיין, יואל ראַזאָווסקי און א. וואַליגער, וועלכער איז געווען דער פאַקטישער רעדאַקטאָר. אַזוי זיינען מיר אָנגעגאַנגען מיט דער אַרבעט ביז צו דער דריטער קאָנווענשאָן, וואָס איז אין סעפּטעמבער פון 1907 אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין פילאַדעלפיע. אויף יענער קאָנווענשאָן איז יצחק זאַר, וואָס איז אין יענער צייט געקומען קיין אַמעריקע, דערוויילט געוואָרן אַלס רעדאַקטאָר פון דער צייטונג. זאַר איז געווען גוט באַקאַנט צו די אַמעריקאַנער פּועלי־ציון, ווייל ער האָט שוין ביז דעמאָלט געהאַט אָפּגעדרוקט פיל אַרטיקלען אין „קעמפער" און מיר האָבן עס באַטראַכט פאַר אַ גליקלעכן צופאַל, וואָס ער איז געקומען צו אונז קיין אַמעריקע און וועט אונז קענען דינען אין אונזער שווערער אַרבעט.

***

אין פאַרלויף פון די עטלעכע יאָר, וואָס מיר האָבן געמאַכט אַ באַדייטענדן דערפאָלג, האָבן די ס. ט., אונזערע שטאַרקסטע קאָנקורענטן, באַגעגנט גרויסע שוועריקייטן, און זייער אָרגאַניזאַציע איז געגאַנגען באַרג־אַראָפּ. זייער מיטגלידערשאַפט איז געוואָרן קלענער פון טאָג צו טאָג און אינטערעסאַנט איז דער פאַקט, וואָס עס זיינען געווען זייערע פירער, וועלכע האָבן גענומען זוכן אַ וועג פאַר אַ פאַראייניקונג מיט די פּועלי־ציון. דר. זשיטלאָווסקי האָט דעמאָלט גענומען די איניציאַטיווע. ער האָט געוואָלט שאַפן אַ פאַראייניקטן פראָנט פון אַלע אידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס, אַריינרעכנענדיק אויך דעם „בונד". די אַנדערע דריי אָרגאַניזאַציעס זיינען געווען די פּועלי־ציון, סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן און די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן־טעריטאָריאַליסטן. עס איז פאַררופן געוואָרן אַ קאָנפערענץ, צו וועלכער די פיר אָרגאַניזאַציעס זיינען געלאַדן געוואָרן צו שיקן פאַרטרעטער צו פאַרהאַנדלען די פאַראייניקונגס־פראַגע.

אין דער אַפּריל־אויסגאַבע פון 1909 פון „דאָס נייע לעבן", אַ זשורנאַל, וואָס איז טאַקע פון זשיטלאָווסקי'ן רעדאַקטירט געוואָרן, האָט ער געהאַט אַן אַרטיקל „וועגן פאַראייניקונג", אין וועלכן ער האָט אַרומגערעדט די באַציאונג פון „בונד" צום ציוניזם און פאַרקערט און איז, פאַרשטייט זיך, געקומען צום שלוס, אַז אַ פאַראייניקונג איז מעגלעך. עס איז אָבער אַ פאַקט, אַז דער „בונד" איז צו דער קאָנפערענץ ניט געקומען. אינם זעלבן נומער „דאָס נייע לעבן" איז געווען געדרוקט אַן אַרטיקל, גע־

שריבן פון אַב. גאָלדבערג, אין וועלכן ער האָט באַריכטעט וועגן דער קאָנפערענץ, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דעם 4טן אַפּריל, און ער גיט דאָרטן איבער אַלע איינצלהייטן פון די פאַרהאַנדלונגען אויף דער קאָנ־פערענץ. עס איז נאָך אַ לאַנגער דעבאַטע באַשלאָסן געוואָרן צו פאַררופן נאָך אַ קאָנפערענץ וווייטער אָנצוגיין מיט די פאַרהאַנדלונגען. דערווייל איז דר. זשיטלאָווסקי אָנגעגאַנגען מיט דער דעבאַטע איבער דער פראַגע. אין דער מאַי־אויסגאַבע פון זיין זשורנאַל, האָט ער געהאַט אַ צווייטן אַרטיקל, „אַן אָפענער בריוו צו די פועלי־ציון אין אַמעריקע", אין וועלכן ער רעדט אַרום די נויטווענדיקייט פון פאַראייניקונג און ער קומט צום שלוס, „אַז וואו עס איז פאַראַן אַ ווילן, דאָרטן איז פאַראַן אַ וועג! און איך וויל האָפן, ליבע חברים, אַז מיר וועלן ניט זיין געצוואונגען צו גיין אין דעם וועג אָן אייך".

אין דער יולי־אויסגאַבע פון „דאָס נייע לעבן" איז געדרוקט אַן ענטפער צו דר. זשיטלאָווסקי׳ן פון א. ש. וואַלדשטיין. ער איז געווען אַ שטאַרקער קעגנער פון דעם טעריטאָריאַליזם און אין ענטפער איז ער געקומען צום פאָלגנדיקן שלוס: „און דעריבער, ווי טייער אַ פאַראייני־קונג פון אַלע ראַדיקאַלע אידישע פּאַרטייען זאָל אונז ניט זיין, קענען מיר דאָך ניט איינגיין אויף אַ פּראָגראַם, וואָס זיין טענדענץ איז צו צעשטערן דאָס ביסל וואָס איז שוין געלונגען דעם אידישן פאָלק אויפצובויען אין דעם לאַנד פון זיין צוקונפט, און אים אָפּווענדן פון זיין הויפּט־ציל. מיר ווילן טאַקע איין אידיש פאָלק און איין אידישן פּראָלעטאַריאַט, אָבער טאַקע דעריבער מוזן מיר האָבן איין ענד־ציל און איין באַשטימטן אי־דעאַל, וועלכן מיר דאַרפן טאָג און נאַכט שטרעבן צו דערגרייכן."

אין אויגוסט פון 1909 איז אין שיקאַגאָ אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ פאַראייניקונגס־קאָנווענשאָן, וואו די דערמאָנטע דריי פּאַרטייען זיינען געווען פאַרטראָטן. די פאַראייניקונג איז צושטאַנד געקומען. ניט אַלע זיי־נען געווען צופרידן מיט די רעזולטאַטן פון דער קאָנווענשאָן, אָבער עס איז געשאַפן געוואָרן אַ פאַראייניקונגס־פּראָנט, אין וועלכן מיר האָבן זיך שטאַרק געבויטיקט. דעם שטאַרקסטן איינפלוס אויף דער קאָנווענשאָן האָט אויסגעאיבט דר. זשיטלאָווסקי. ער איז טאַקע געוואָרן אַ פּועל־ציון, אָבער, און אָט דער אָבער איז באַשטעטיקט געוואָרן אין שפּעטערע יאָרן. איך וויל דאָ ניט פאַרהאַנדלען דאָס קאַפּיטל דר. זשיטלאָווסקי, ניט איצט איז די צייט און ניט דאָ איז דער פּלאַץ. איך וויל בלויז ברענגען איין פאַקט, וואָס וועט באַשטעטיקן מיין באַהויפּטונג, אַז דר. זשיטלאָווסקי איז געוואָרן אַ פּועל ציון מיט אַן אָבער...

ווען עס איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה, האָט די טער־קישע רעגירונג געזוכט צו צעשטערן דעם אידישן ישוב אין ארץ־

ישראל. ווען די נייעס האָט דערגרייכט צו אונז, קיין אַמעריקע, האָט עס דאָ אַרויסגערופן גרויס זאָרג ביי אַלעמען, ספּעציעל ביי די ציוניסטן. דר. זשיטלאָווסקי האָט דאַן אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל אונטער דעם נאָמען „דער דריטער חורבן", געשריבן האָט ער דעם אַרטיקל אונטער דעם איינדרוק פון אַ קאָרעספּאָנדענץ אין אַ טעגלעכער ענגלישער צייטונג. ער האָט קיין צייט ניט געהאַט צו וואַרטן עטלעכע טעג ביז מען וועט באַקומען מער איינצלהייטן און איז געקומען צום פאָלגנדן שלוס: „דער דריטער חורבן איז ניט גלאַט אַ טראַגישער עפּיזאָד, — איינער פון יענע חורבנות, מיט וועלכע דער איצטיקער קריג איז אַזוי רייך. אויך ניט גלאַט אַ טרויעריק בלעטל אין דער געשיכטע פון אונזער פאָלק, פאַר וועלכן עס האָבן זיך ווידער געעפנט די שליוזן פון טרערן און בלוט. דער דריטער חורבן איז אַ שרעקלעכע טראַגעדיע, ביי איינעם זאָל זיך הויבן די האַנט צו בויען אַ פערטן". אַ סוף, אַן עק, מען טאָר ווייטער ניט בויען, ווייל ער איז געווען זיכער, אַז עס וועט קומען אַ פערטער חורבן. נייק, אַזוי רעדט ניט קיין ציוניסט. דערפאַר זיינען געווען פועלי־ציוניסטן, וועלכע זיינען געווען שטאַרק אומצופרידן מיט די רעזולטאַטן פון דער פאַראייניקונגס־קאַנווענשאַן.

דאָך זיינען געווען אויך גוטע רעזולטאַטן. די קאַנווענשאַן האָט אונז צוריק געבראַכט דר. נחמן סירקין און אב. גאָלדבערג'ן, וועלכע האָבן געדינט דעם ציוניזם ביז דעם לעצטן טאָג פון זייער לעבן און ברוך צוקערמאַן, אים צו לאַנגע יאָרן, וואָס דינט נאָך ביז היינטיקן טאָג דעם אידעאַל פון פועלי ציוניזם.

***

די פועלי־ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז דורכגעגאַנגען פאַרשידענע צייטן. זי האָט אין איר אַרבעט געהאַט ירידות און עליות, ווי עס איז געווען דער פאַל מיט די אַלגעמיינע ציוניסטן און ווי עס איז דער פאַל מיט דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג איבער דער גאַנצער וועלט. אָבער די פירער פון דער באַוועגונג האָבן זייער מוט ניט פאַרלאָרן. זיי האָבן ווייטער געווירקט און אָנגעגאַנגען מיט דער אַרבעט, ווייל זיי האָבן עס באַטראַכט פאַר עבודת הקודש, אַ הייליקע אַרבעט, אַן וועלכער עס איז זענען אָפּהענגיק די לעבנס פון פיל אידן און די צוקונפט פונם גאַנצן אידישן פאָלק. און געאַרבעט האָבן זיי ניט נאָר פאַר ארץ ישראל, זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז די קולטורעלע אַנטוויקלונג פונם אַמעריקאַנער אידנטום, די אידישע דערציאונג פון אונזערע קינדער דאָ אין לאַנד איז פונקט אַזוי וויכטיק ווי עס איז אונזער אַרבעט פאַר ארץ ישראל.

דאָס ערשטע וואָס זיי האָבן געטאָן איז, זיי האָבן אָרגאַניזירט דעם פּאַרבאַנד, וואָס ציילט איצט דרייסיק טויזנט מיטגלידער און איז אַ גע־וואַלטיקער כוח אינם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון די אַמעריקאַנער אידן. זיי האָבן אָרגאַניזירט דעם געווערקשאַפטן קאַמפּיין פאַר דער הסתדרות פון ארץ ישראל, וואָס האָט געהאָלפן שטאַרקן די פּאָזיציע פון די אידי־שע אַרבעטער דאָרטן. זיי האָבן געשאַפן די פּיאָנערן פרויען אָרגאַניזאַ־ציע, וואָס איז שטאַרק באַהילפיק אין אַלע אַרבעטן פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג. וואָרים ווען ניט דער פאַרבאַנד און די פּיאָנערן פרויען אָרגאַניזאַציע, וואָלט ניט געווען מעגלעך צו דערגרייכן אַלץ, וואָס עס איז ביז איצט אויפגעטאָן געוואָרן אויף די פאַרשידענע גע־ביטן פון דער אַרבעט, וואָס די באַוועגונג פירט אָן.

מיר וועלן נעמען די שולן, וואָס זייער אָנהויב גייט אַזוי ווייט ווי 43 יאָר צוריק. דער אָנהויב איז געווען אַ קליינער, איין שול, אַ צווייטע. איצט ציילן זיי איבערן לאַנד אַן ערך אַכציק שולן, אין וועלכע פופצן טויזנט קינדער באַקומען אַ אידישע דערציאונג. אין פאַרלויף פון די יאָרן וואָס די שולן עקזיסטירן, זיינען דורך זיי דורכגעגאַנגען 75,000 קינדער. דער לערער סעמינאַר וואָס פּייערט איצט זיין 35 יאָריקן יובל, באַזאָרגט די שולן מיט לערער, וועלכע זיינען פּאַסנד פאַר זייערע אויפ־גאַבן. די עלטרן, וואָס שיקן זייערע קינדער אין די שולן, זיינען דאַנק־באַר און ווערן דערוויל געוואונען אַלס פריינט פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג.

דער געווערקשאַפטן־קאַמפּיין, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן מיט דרייסיק יאָר צוריק האָט ביז איצט אויפגעטאָן וואונדער פאַר ארץ ישראל. מען האָט אַריינגעצויגן אידישע אַרבעטער־פירער ווי מאַקס פּיין, אברהם שיפּלאַקאָף און יוסף שלאָסבערג, אים צו לאַנגע יאָרן. און אַ דאַנק זייער אַרבעט און זייער איינפלוס אין די אידישע אַרבעטער־קרייזן, זיינען דערגרייכט געוואָרן כמעט אומגלויבלעכע רעזולטאַטן. אַט לייענט: דאָס ערשטע יאָר האָט מען געזאַמלט פאַר דעם געווערקשאַפטן־קאַמפּיין בלויז 53,000 דאָלאַר. אין יענע יאָרן איז עס געווען אַ גרויסע סומע. אָבער אין פאַרלויף פון די דרייסיק יאָר האָט די הכנסה געשטיגן פון יאָר צו יאָר, אַזוי, אַז ביז היינט האָט מען שוין געזאַמלט 32,000,000 דאָלאַר. דער עיקר איז, דאָס געלט קומט פון איבער 3000 אָרגאַניזאַ־ציעס, וועלכע פונקציאָנירן אין 400 קהילות אין די פאַראייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע און אין די לאַטיין־אַמעריקאַנישע לענדער.

אַ זייער געוואַגטער שריט איז געווען דאָס אַרויסגעבן „די צייט", אַ טעגלעכע אידישע צייטונג. אין אויגוסט 29, 1920, איז דערשינען

דער ערשטער נומער און די צייטונג האָט אָנגעהאַלטן גאַנצע זעכצן חדשים, ביז דעצעמבער דעם 31טן, 1921.

דאָס אַרויסגעבן די צייטונג האָט שטאַרק געהויבן דעם פּרעסטיזש פון דער פּועלי ציון פּאַרטיי. די צייטונג איז רעדאַקטירט געוואָרן פון דעם גוט באַקאַנטן און באַליבטן דוד פּינסקי און האָט געהאַט צווישן די מיטאַרבעטער פילע באַקאַנטע און באַרימטע זשורנאַליסטן און ליטעראַטן. עס איז אָבער געווען אוממעגלעך אָנצוגייין מיט דער אַרויסגעבונג פון דער צייטונג. די זיבן טויזנט חברים, וואָס די פּאַרטיי האָט פּאַרמאָגט האָבן זי ניט געקאָנט אויסהאַלטן און קיין גרויסע צאָל לעזער פונם אַלגעמיינעם פּובליקום האָט מען ניט געקאָנט געווינען. די צייטונג, וואָלט איך געזאָגט, איז געווען צו ליטעראַריש פּאַר די ברייטע מאַסן, איז געשטאַנען אויף אַ הויכער מדרגה און איר אונטערגאַנג איז געווען אַ שטאַרקער קלאַפּ פּאַר דער גאַנצער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג דאָ אין לאַנד.

די ציוניסטישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע האָט אַ פּאַרלאַג, וואָס באַזאָרגט די שולן מיט לערן־ביכער און גיט אַרויס ביכער פּאַר דערוואַקסענע אויף אידיש און אויף ענגליש, מיט וועלכע יעדער פּאַרלאַג וואָלט געמעגט שטאָלץ זיין. איבער דעם גאַנצן לאַנד עקזיסטירטן געזאַנגפּאַראיינען, וועלכע פּאַרשפּרייטן אידישע מוזיק און לערנען דאָס פּאָלק זינגען אידישע און העברעאישע לידער. די באַוועגונג האָט געשאַפן קינדער־קעמפּס, וואָס ווערן יערלעך באַזוכט פון טויזנטער קינדער און במילא ווערן די עלטערן דערנענטערט צו דער באַוועגונג, זיי ווערן פּאַקטיש צו איר צוגעבונדן און דינען איר אין אַלע אירע אַרבעטן לטובת דעם פּאָלק.

ווען איך וואָלט זיך געוואָלט אָפּשטעלן אויף דער גאַנצער פּעריאָדע פון דער עקזיסטענץ פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג דאָ אין לאַנד, וואָלט איך באַדאַרפט שילדערן די אַרבעט, וואָס זי האָט געטאָן פּאַר דער אָרגאַניזירונג פונם אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס, וואָס האָט אין יענער צייט געשפּילט אַ זייער וויכטיקע ראָלע אין אונזער קאַמף פּאַר דער דערוואָרבונג פון ארץ ישראל פּאַרן אידישן פּאָלק. וואָס די באַוועגונג האָט געטאָן פּאַר דעם „פּיפּלס רעליף“ און פּאַר הילף־אַרבעט בכלל. פּאַר אַלע ציוניסטישע פּאָנדן.

און נאָך עפּעס. אַ דאַנק דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג, זיינען דאָך אַנדערע אָרגאַניזאַציעס באַאיינפלוסט געוואָרן צו טאָן ענלעכע אַרבעט. אויך דער אַרבעטער־רינג אָרגאַניזירט שולן פּאַר קינדער. דעם וועג אָבער האָבן געוויזן די פּועלי־ציון. אויך דער אַרבעטער רינג פּראַוועט איצט אַ דריטן סדר, און אין די שולן פּייערט מען מיט די

קינדער אידישע יום־טובים. אָבער ווידער טאָקע, ווער האָט געוויזן דעם וועג אויב ניט די ציוניסטישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציע?

און אויב די סאָציאַליסטן, וועלכע זיינען אין אָנהויב געווען קעגנע־ריש און אַנטאַגאָניסטיש צום ציוניזם און זאָגאַר צו אידישקייט בכלל, האָבן אין די לעצטע יאָרן געביטן זייער שטעלונג און ניט נאָר שטערן זיי ניט, נאָר אדרבא, זיי זיינען באַהילפיק אין דער הייליקער אַרבעט פאַר אונזער פאָלקס־עקזיסטענץ און צוקונפט, איז עס זיכער צו פאַרדאַנ־קען דעם עקשנות'דיקן קאַמף, וואָס די פועלי־ציון האָבן אָנגעהויבן מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק. זאָל זיי גאָט בענטשן און שטאַרקן זייערע הענט, אַז זיי זאָלן אויך וויטער קאָנען אָנגיין, נאָך מיט מער מוט און ענערגיע פאַר דער הייליקער אַרבעט פון אונזער פאָלק און לאַנד.

דאָ וויל איך צוגעבן, אַז איך בין גליקלעך, וואָס איך האָב זוכה געווען צו טאָן מיין חלק און געהאָלפן לייגן דעם פונדאַמענט פאַר דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג דאָ אין לאַנד.

עס איז כדאי צו פאַרצייכענען דעם פאַקט, אַז אַ סך האָבן אַרויסגע־האָלפן דער אַמעריקאַנער פועלי ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פירנדע חברים פון אייראָפּע און פון ארץ ישראל. בלויז צו דערמאָנען אייניקע פון זיי: בן־צבי, בן־גוריון, זרובבל, ארלאזאראָוו, קאַפּלאַנסקי, מערע־מינסקי, שפּרינצאַק, בערל לאָקער אַ חוץ, פאַרשטייט זיך, די וואָס זיינען דאָ געוואָרן שטענדיקע תושבים, ווי דר. סירקין, לעאָן כאַזאַנאָוויטש, יצחק זאַר און קריטשמאַר־יזרעאלי. די פועלי־ציון זיינען געווען די, וואָס האָבן אָנגעהויבן דעם קאַמף פאַר דער פאַררופונג פונם אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס און זיינען די גאַנצע צייט געווען, קאָן מען זאָגן, דער רוקן־ביין פון דער באַוועגונג. זיי האָבן אָרגאַניזירט אַ גרופּע מיט דעם נאָמען „אידישער קאָנגרעס ליעג" און האָבן אַרויסגעגעבן אַ „קאָנגרעס ביולעטין". שפּעטער איז געשאַפן געוואָרן אַ קאָמיטעט מיט פּנחס רו־טענבערג בראש, כאָטש ער איז אָפיציעל ניט געווען פאַרבונדן מיט דער פועלי־ציון פאַרטיי, איז ער אָבער געווען זייער נאָענט צו איר. עס איז דאַן אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ וועכנטלעכע צייטונג „דער אידישער קאָנ־גרעס" אין וועלכער כמעט אַלע מיטאַרבעטער זיינען געווען פועלי־ציון. דער רעדאַקטאָר איז געווען קריטשמאַר־יזרעאַלי.

די פועלי ציון האָבן געפירט אַ ביטערן קאַמף מיט די קעגנער פון דער קאָנגרעס אידייע, פון איין זייט די „יהודים", די דייטשע אידן פון דעם „אַמעריקאַנער אידישן קאָמיטעט" און פון דער אַנדערער זייט די אידישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס.ביידע עקסטרימען האָבן זיך אין דעם פאַל פאַראייניקט. זיי זיינען אָבער באַזיגט געוואָרן און האָבן זיך אויך באַטייליקט אין די ערשטע צוויי זיצונגען פונם קאָנגרעס.

**
*

און איצט, ווען עס דערנענטערן זיך די לעצטע שורות פון מיין געשיכטלעכער סעריע אַרטיקלען אין שייכות מיט דעם פופציק יאָריקן יובל פון אונזער אַמעריקאַנער פועלי־ציון־פּאַרטיי, זאָל מיר דערלויבט זיין צו פאַרצייכענען אַן עפּיזאָד פון אונזער צווייטן ישראל פּרעזי־דענט מיטן ערשטן סעקרעטאַר פון די אַמעריקאַנער פועלי־ציון.

מיט 45 יאָר צוריק, אינם יאָר 1908, מיט דער הילף פון דר. י. ל. מאַגנעס און אַ בכבוד׳יקן גילזן־פאַבריקאַנט, מר. לעאָפּאָלד קעהלמאַן, האָט יואל ראַזאָווסקי געמאַכט זיין רייזע קיין ארץ ישראל.

באַשערט געווען ראַזאָווסקי׳ן צו זיין דער ערשטער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פועלי־ציון־פּאַרטיי און אגב אויך זיין דער ערשטער אַמעריקאַנער פועלי־ציון, וועלכער האָט געמאַכט זיין נסיעה פון ניו־יאָרק קיין ארץ ישראל.

נאָך אַרומרייזנדיק אויף פערד, אייזלען און צופוס אין גליל העליון און גליל התחתון עטלעכע וואָכן כסדר, איז ער אָנגעקומען אין די שבועות׳דיקע טעג קיין ירושלים. אין ירושלים איז ער געווען אַ פּאָר טעג דער גאַסט פון יצחק בן צבי. אונז איז בן צבי דעמאָלט געווען מער באַקאַנט מיט זיין פּסעוודאָנים „אבנר״. די נאַכט האָט בן־צבי׳ס פרוי רחל ינאות צורעכט געמאַכט זיין געלעגער אויף דער פּאָדלאָגע, אַזאַ לוקסוס ווי צו פאַרמאָגן אַ צוגאָב בעט אָדער אַ סאָפע האָט די פאַמיליע בן צבי ניט פאַרמאָגט. צו מאָרגנס האָט בן־צבי איינגעלאַדן חבר ראַ־זאָווסקין צו באַגלייטן אים פאַר אַן אונטערזוכונג, אַן אינספּעקציע אין די היילן, מערות, פון דעם גרויסן תנא ר ישמעאל און זיינע תלמידים. זיי האָבן דאָרט, צווישן די קברים פאַרזאַמט אַ היפּשע ווײַלע, קיינע אַרכעאָלאָגישע אַנטדעקונגען ניט געמאַכט. אויסער קברים, שטויב און לעכער גאָרניט געפונען.

צוליב דער גרויסער בייטאָגיקער חמימא, האָבן זיי, בן צבי, ראַ־זאָווסקי און אַ דריטער חבר באַשטימט צו מאַכן אַ צופוס־גאַנג פון ירושלים קיין חברון, צו דער מערת המכפלה און אשל אברהם ביינאַכט. אָפּגייענדיק עטלעכע שעה, שוין אַריבער דער מוטער רחלס קבר, האָבן זיי באַגעגנט אַ קאַראַוואַן אַראַבער מיט זייערע שאַקלדיקע רייטער אויף די קעמלען, מאַנכע באַגלייטנדיק פּאַוואָליע, בלחש די קעמלען. זיי האָבן געראָטן די פוס־גייער זיי זאָלן בעסער ניט גיין ווייטער, ווייל אַראַבישע רויבער־באַנדעס זיינען דאָ די לעצטע עטלעכע נעכט, אויפן חברון־ירושלים וועג, און זיי זאָלן אָנקלאַפּן, ניט ווייט פון דאַנען, אין אַן אַראַ־בישער אכסניה און די פּאָר שעה איבערנעכטיקן אין דער אכסניה. זיי

האָבן אַזוי געטאָן. דער בעל־אכסניה האָט אויסגעשפּרייט אַן אָריענטאַ־לישן טעפּיך אויף דער פּאָדלאָגע און די דריי האָבן זיך געריבן אַ פּלייצע צו אַ פּלייצע. און אַ בליאַסק אויף טאָג, האָבן זיי מיטגענומען אַלע גוטע ברכות פון בעל־אכסניה, — זיך געלאָזן צו חברון. דורשטיקע און מידע האָבן זיי געטרונקען די ציגענע מילך, וואָס אַן אַראַבישער פּאַסטוך האָט פאַר זיי געמאָלקן.

צוקומענדיק אַזייגער צען פרימאָרגן צו דער מערת המכפלה האָבן זיי די דאָטריקע אַראַבישע שומרים ניט געלאָזן שטייגן, בלויז אַ פיר טרעפּ אַרויף. אין די שפּאַלטן ביי דער לינקער וואַנט זיינען געוועזן אָנגעוואָרפן פאַרשטויבטע צעקנייטשטע און צעריבענע אַלערליי מינים צעטעלעך מיט בקשות, תפילות ותחנונים צו די אָבות און אמהות. די אַראַבישע שומרים האָבן נאָטירלעך קיין אנונג ניט געהאַט, אַז איינער פון די דריי, בן־צבי, וועט מיט 45 יאָר שפּעטער זיין דער פּרעזידענט פון א אידישער מדינה אין ישראל. וואָלטן די אַראַבער דאַן געוועזן האָבן אַ שמץ פון אַן אַנונג , אַז דאָ שטייט פאַר זיי אַ צוקונפטיקער נשיא בישראל, וואָלט די דריי קיין טרוקענע פון דאָרטן ניט אַוועק... פון דער מכפלה זיינען זיי צוגעקומען צום אשל אברהם. פאַרמאַטערטע און מידע האָבן זיי צוריק־וועגס געדונגען אַן אַראַבישן פורמאַן און זיינען צוריקגעקומען בשלום צו דער עיר השלום — קיין ירושלים.

נאָך־באַמערקונג:

דער מאַטעריאַל, וואָס ווערט געבראַכט אין דער בראָשור איז דער־שינען אין אַ סעריע אַטריקלען אין דער וועכנטלעכער צייטונג „דער אַמעריקאַנער״. איך האָב די אַרטיקלען געשיקט צום חשוב׳ן נשיא בישראל, אונזער ליבן חבר, יצחק בן־צבי און האָב פון אים באַקומען אַ ענטפער, אין וועלכן ער דריקט אויס זיין פריינטלעכע מיינונג וועגן די אַרטיקלען און מאַכט אויפמערקזאַם אויף אייניקע פונקטן וועגן דעם שפּאַציר, וואָס ער האָט געמאַכט מיט ראַזאָווסקי׳ן פון ירושלים קיין חברון. איך וועל פונם בריוו דאָ ברענגען אייניקע שטעלן:

ירושלים, כ״ה אייר, תשי״ג

חבר יקר צבי יוסף כהן, שלום רב!

אייערע אַרטיקלען צום יובל פון דער אַמעריקאַנער פּועלי־ציון פּאַרטיי, וואָס איר האָט מיר צוגעשיקט, האָב איך דורכגעלעזן מיט גרויס אינטערעס. די פאַקטן זענען מיר געווען נאַטירלעך, מערסטנטיילס באַקאַנט, ווען זיי זענען אָבער היסטאָריש־סיסטעמאַטיש רעפערירט, דערשיינען זיי פיל בולטער. מען דערמאָנט זיך אָן פילע פּרטים, וועלכע זיינען פאַרשוואונדן אָדער געווען נאָענט צו פאַרשווינדן פון זכרון״.

חבר בן־צבי שטעלט זיך דאָן אָפּ אויף חבר ראַזאָווסקיס באַזוך אין ארץ ישראל אינם יאָר תרס״ח (1908) און ברייגנט אַרויס אייניקע פאַקטן וועלכע איך דענק עס איז כדאי זיי זאָלן פאַרצייכנט ווערן:

1) ח׳ ראַזאָווסקי איז ווירקלעך אָנגעקומען קיין ירושלים זומער־צייט, ניט אַרום שבועות, נור נאָך שבועות, און איז געווען ביי מיר אַ ליבער אורח.

2) איך און רחל זיינען נאָך נישט געווען פאַרהייראַט, און מיר האָבן אָקופּירט צוויי צימערן, געדונגען ביי בצלאל מוזעאום.

3) איך געדענק דעם שפּאַציר צו־פוס קיין חברון. חברון איז אַ מהלך קרוב 40 קילאָמעטער פון ירושלים. אַ חוץ אונז דרייען, איך, רחל און ראַזאָווסקי איז מיט אונז מיטגעגאַנגען נאָך אַ חבר דוד אבישר, אַ סעמינאַריסט, אַ חברונ׳ער ביי געבורט. מיר זענען איינגעשטאַנען ביי זיינע עלטערן.

בן צבי בעט מיך איך זאָל איבערגעבן ראַזאָווסקין זיין בעסטן גרוס.

Printed in the U. S. A. by
SHULSINGER BROS. LINOTYPING & PUBLISHING CO.
21 EAST 4TH STREET, NEW YORK 3, N. Y.

253

FIFTY YEARS
POALE ZIONISM IN AMERICA

(in Yiddish)

By HARRY J. KAHN

40 Cents

FARLAG BIDERMAN
184 Second Avenue, New York 3, N. Y.

1953